STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06502

MESHOLIM

Yitshak Goldkorn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק גאָלדקאָרן

משלים

יצחק גאָלדקאָרן

משלים

פאַרלאַג אייגנס

ניו־יאָרק, 1975

ITZCHAK GOLDKORN

FABLES

יצחק גאָלדקאָרן / משלים

Published by EIGENS, New York, 1975
Printed in the United States of America

To Marilyn

דער האָן און דאָס הינטל

א האָן אין אַ פרימאָרגן
האָט שפּאַצירט אין זיין „גיט"
פריי פון צרות, זאָרגן
און מיט אַ פריילעכן געמיט.

ויהי כי טוב לב ה׳האָן,
האָט ער געזאָגט : „כ׳בין אַ גאון !
ווער האָט נאָך אַזוי פיל מאַכט, שאַרם,
ווי דער סולטאַן פון הינער-האַרעם ?
היינט וואו איז : פליען, זינגען און נאָך מעלות ?"
האָט ער רעטאָריש געפרעגט מיט התפעלות.
איז ער אַרויף אויף אַ קופּע האָלץ
און מיט מאַיעסטעטישן שטאָלץ
דאָס קעפּל אונטערן רויטן קאַם
(זיין קרוין מיטן גאָלדענעם פלאַם)
פאַררייסן אין דער הויך און צעשפּרייט
מיט שוואונג זיינע פליגל ווייט.
„איך בין דער גרעסטער אין דער וועלט !"
טראַכט ביי זיך תרנגול און קוועלט
און מיט עזות רופט ער אויס :
„קו-קע-רי-קו ! איך בין גרויס !
און ווי צו דעם נבזה׳דיקן פאַרך,
וואָס לייקנט אַז איך בין מאָנאַרך !"

דערנעבן האָט זיך צעבילט אין פּראָטעסט
אַ הינטל קעגן דעם פּרעטענציעזן מאַניפעסט :
„האַוו-האַוו ! קוקטס נאָר אָן אומיסטן
דעם פליער אַרום די מיסטן !
דיינע מעלות דערציילן די הינער, און אויכעט —
פאַרגעס נישט, אַז עס וואַרט אויף דיר דער שוחט".

* * *

טייל מיינען — זיי זענען די גרעסטע העלדן
און זיי פוילן זיך נישט וועגן דעם צו מעלדן
מיט אַ „קו-קע-רי-קו", ווי דער לעכערלעכער האָן,
וואָס קרייעט אַראָפּ פון זיין איינגעבילדעטן טראָן.

די נאָדל, דער פאָדעם און די סחורה

האָבן אַ נאָדל, פאָדעם און סחורה
זיך געאַמפּערט, ווען ס׳קומט די בכורה:
ווער ס׳איז אויפן ערשטן אָרט, לויטן סדר,
ביים אויספאַרטיקן פאַרשידענע קליידער.

זאָגט די נאָדל: „איך בין דער פּיאָנער,
איך אַרבעט זייער ביטער און שווער
ביז דאָס מלבוש איז צוזאַמענגענייט
און איז ענדלעך צום טראָגן גרייט.״

רופט זיך אָפּ דער איינגעשפּאַנטער פאָדעם:
„דו, נאָדל, זײַ בעסער נישט קיין פּרא־אָדם
און היט זיך פון אומזיניקע רייד.
בלויז מיט פּוסטע שטעך מאַכט מען נישט קיין קלייד.
דאָס וויכטיקסטע איז דער פאָדעם
ביים מאַכן אַלערליי בגדים.״

ווערט שוין גאָר אויפגערעגט די נאָדל:
„נו־נו מאַך זיך נישט, פאָדעם, אַזאַ גדול!
דו מוזסט זיך נאָך מיר נאָכשלעפּן —
סײַ ביים האַנט־נייען, סײַ ביים שטעפּן.״

אַט דעם הייסן וויכוח
האָט געהערט אַ שטיק טוך
פון פײַנסטן קאַמגאַרן־וואָל,
וואָס האָט פּראָטעסטירט אויפן קול:

„דאָס איז, פּראָסט־פּשוט, צום לאַכן!
וואָס וואָלט מען דען געקאָנט מאַכן
מיט אַ בלויזן נאָדל־און־פאָדעם? — סײַדן
קאָסטיומען פאַר אדם און חוה אין גן־עדן.
אויב איר ווילט וויסן ריכטיק,
איז יעדער פון אונדז וויכטיק,
ווייל צוזאַמען שאַפן מיר אין אונדזער פאַך —
און אַזוי איז מיט יעדער אַנדערער זאַך.״

די קאַץ און איר „שלום עליכם"

אַ קאַץ, נאָכן אויסנאָגן די ביינדלעך,
איז צופרידן געלעגן אין זון־שיין
און געמאַכט פאַרשידענע הנדלעך:
געוואַשן, געקעמט זיך פיין,
און אַ לאַפּקעלע, ווי סאַמעט גלאַטיק
אין אַ „שלום־עליכם" אויסגעצויגן,
און האָט פאַרמרוזשעט די פאַלשע אויגן
היימיש־גוט־ברודעריש, „פאַן־בראַט'יק".

פלוצלינג האָט אָבער מרס. קאַץ
דערזען אַ וועווריקל אויפ'ן פלאַץ
צווישן דיביימער — און פאַרענדערט די מינע —
עלעהיי — אַן אַקטריסע אויף דער בינע:
מיט פאַספאַר האָבן אויפגעבליצט אירע אויגן,
איינגעקורטשעט זיך און, ווי פייל פון בויגן,
האָט זי זיך געוואָרפן אויף איר קרבן
און אירע נעגל און ציינדלעך
האָבן געוויזן, ווי רוצחיש און פאַרדאָרבן
זי איז אָן פרידלעכע מאַסקעס,
אָן די גוטמוטיקע לאַסקעס,
אָן די שפּילערישע הנדלעך.

טייל ברואים זיינען זייער פריינדלעך
ווי קעצלעך גוטמוטיק מילדע,
און ווי הענטשקעס פון סאַמעט און זייד
זענען זייערע זיסינקע רייד
פאַר זייערע אינסטינקטן ווילדע:
מען דאַרף זיך היטן פאַר זייערע ציינדלעך
און נעגל, וואָס זענען גנביש באַהאַלטן
אונטערן קאַמופלאַזש פון ליבע געשטאַלטן.

דאָס ווילדגראָז און דער גערטנער

ווילדגראָז האָט אַמאָל זיך באַקלאָגט,
אַז ס׳ווערט געפּייניקט און געפּלאָגט:
„די שנאה צו מיר איז אַזוי פאַרביסן,
אַז כ׳ווער מיטן וואָרצל אויסגעריסן!
אָט וואַקס איך מיט אַנדערע פלאַנצן
צוזאַמען, כמעט אויף די זעלבע בייטן — — —
פאַרוואָס מיר גאָרנישט; יענע — אינגאַנצן,
וואָס זאָל די דיסקרימינאַציע באַדייטן?
האַ! געקומען פינצטערע צייטן
פאַרן גאָרטן! און בלויז די קווייטן
פון דעם גערטנערס לאַסקעס געניסן,
און בלויז זיי טוט ער באַגיסן.
און ניט בלויז צערטלט ער יעדע בלום,
אויך אַנדערע פלאַנצן שערט ער אַרום.
בלויז אויף מיר איז זיין כעס גרויס
און ער רייסט מיך מיטן וואָרצל אויס.״

זאָגט דער גערטנער: „דו ווילדגראָז,
גלייך זיך ניט צו בוימער און בלומען — —
באַלאָדענע מיט פּירות, זיס פאַרן גומען,
און ריחות — אַ דערקוויקונג פאַר דער נאָז,
און אויך — אַ נחת פאַר די אויגן;
אָבער וואָס קענסטו דו? — די זאַפטן אויסזויגן
פון אונטער די גוטע פלאַנצן און
פאַרשטעלן פאַר זיי דאָס ליכט פון דער זון. —
וואָלסטו סתם געווען אַ פלאַנץ —
אָן אַ נוצן און אָן גלאַנץ —
מילא; ביסטו אָבער פאַר אַנדערע אַ געפאַר
און אויסוואָרצלען מוז מען דיך דערפאַר,
ווייל ס׳איז על פּי יושר און געווויסן,
אַז שעדיקערס זאָלן ווערן אויסגעריסן״.

די מאַלפע און דער שפיגל

אַ גאָרילע, אין אַ שטייג פון אַ „זו״,
האָט טאָג־טעגלעך „געוואויעוועט״, אָן רו:
אַז דראַפּעט זי זיך אויף די קראַטעס פון איר שטייג,
ווי אירע אבות אין דזשאַנגל — פון צווייג צו צווייג,
און אַז באַטראַכט זי פרעמדע און שכנים,
אָבער קיין גוטס זעט זי נישט אין קיינעם.
און ווייל, ווי באַוואוסט, אַ מאַלפע
איז נישט קיין גרויסער קל־פה,
דריקט זי אויס איר עקל, איר האַסן
מיט אַ ברומעניש און גרימאַסן,
מיט זויערע מינעס און מיגלדיקע העוויות
קעגן יעדן פון אירע מיטבירגער, די חיות —
ווי זי וואָלט געזאָגט אויף איר מאַלפעשער שפּראַך:
„ס׳אַ מיאוס געזינדל — וואָס איז דאָ צו רעדן אַ סך?״
און, ווי צו באַטאָנען איר אָנקלאַגע די שטומע,
ענדיקט זי מיט אַ הוילנדיקן ברומען.

פלוצלינג האָט אַ יינגל, קענטיק אַ קונדס,
גענומען אַ שפיגל, אַזוי אויף שפּאַס,
און קעגן דער גאָרילע געהאַלטן:
„דאָס איז דאָס מיאוסטע פון אַלע געשטאַלטן —
אָט אַ נפש!״ טראַכט די גאָרילע. „פשוט אַ גרויל!״
און פאַרקרימט, מעשה מפונק, די נאָז און דאָס מויל
אין אַ פאַנטאָמימע פון מיגל און שפּאָט:
„ווי העסלעך איז דיין טירגאָרטן, אַ גאָט!״

דאָס האָט צוגעזען דער גאָרטן־וועכטער —
און ער פּלאַצט אויס אין אַ גרויס געלעכטער:
„מאַלפע, דו באַשמוצסט יעדן איינעם אין דעם „זו״,
אָבער דער שמוציקסטער ביסט גאָר — דו;
קוק נאָר גוט אַריין אין שפיגל —
דו אַליין ביסט דער מיגל״.

דער אייזל און דאָס קעמל

אַן אייזל אין שטאַל, נאָכן קייען און טרינקען,
איז אין אַ מעלאַנכאָליע פאַרזונקען;
און באַדויערט, מיט אַ ברומען און קלאָגן,
די דאָליע פון דעם אייזל-פאָלק, זיינע פּלאָגן :

„קלעפּ, זילזולים — דער לוין פאַר מיין פליים,
פאַר מיין ביטערער פראַצע און שוויים;
און נאָך גרעסער די עוולה, דער פאַרדראָס,
וואָס דער קאַראַוואַן-באַלעבאָס
האַלט אַזוי בכבוד דעם קוני-לעמל,
דעם פוילן טאַפּל-הויקער, דאָס קעמל,
מיט זיין גענגל — אַט גייט דאָס און פּאַלט !
און גראָד דאָס פלעגמאַטישע געשטאַלט
האָט אַזאַ טרייפענע הצלחה,
און דער בראַווער אייזל — אַזאַ מערכה !"

דער באַלעבאָס ענטפערט אויף דעם ברומען :
„אייזל, לויט דיין שכל דעם קרומען,
איז דאָס קעמל
אַ קריכער אין דרעמל,
און שאַנד און שפּאָט
זעסטו אין זיין יעדן טראָט.
אָבער דער העלד איז גראָד ע ר,
וואָס גאַרנישט איז פאַר אים שווער :
היצן, דורשט, שטורעמס ווילדע —
באַזיגט ער מיט כוחות מילדע,
און שפּאַנט פאָראויס צום ציל
געדולדיק, פאַמעלעך און שטיל.

„בנאמנות, דאָרט וואו ס'דערגרייכט דאָס 'פוילע' קעמל,
וועט ניט אָנקומען דער פלינקסטער פון אייזלען-געזעמל".

דער פּאַראַקיט און דאָס שוועלבל

דער פּאַראַקיט — איינער פון דעם פּאַפּוגייען־שטאַם,
מיט דער פאַרביקער פעדערן־פעלערינע,
האָט געהערט ווי אַ שוועלבל זינגט זיך סתם
זיין ניגונדל; האָט דאָס קרומנעזל געמאַכט אַ מינע:
— „פע! בנאמנות, אויך מיר אַ פויגל אַ בעל־מנגן!
העי, דו מעלאָמאַן, בלויז עטלעכע פראַגן:
פון ווען אָן איז אַ ׳טשירי־טשירי טשיפ׳ — געזאַנג?
און גלייבסטו, מען קאָן הערן לאַנג
אַזאַ סאָלאָ־קאַקאָפאָניע? אַזאַ ראַנדאָ־מאָנאָטאָניע?
ווייסטו נישט, אַז זינגען איז נישט דיין פאַך,
אַז דו פאַרנעמסט זיך נישט מיט זיין זאַך?
אויב ס׳גייט וועגן מיר, קען איך נישט בלויז
זינגען, נאָר אויך שמועסן אין הויז;
און נישט בלויז אין איין שפּראַך: ׳זדראַווסטוואויטע גאָסודאַר׳;
׳האַו אַר יו מיילעידי?׳ אָדער ׳באָן זשור מאַדאַם!׳״

דאָ האָט ער געוואָלט אויסרעכענען נאָך
מעלות, אָבער די שוואַלב האָט געזאָגט: „אַ בראָך
צו דיינע יאָר, דו וויסטער נאַר,
דו איינגעבילדעטער תם!
מעגסטו פּלאַפּלען 100 לשונות, וועסט בלייבן אַ שוטה
און דיינע זאָגעכצער, די פרעמדע און טויטע,
קלינגען מעכאַניש און הויל
אין דיין געלערנטן מויל.

„איך אָבער מיט מיינע ׳ציף־ציפן׳
בין בכוח מענטשן צו פאַרבליפן,
זיי צו באַפרייען
און באַנייען
ווי אין אַ מידבר — אַן אומגעריכטער קוואַל,
ווי אין אַ טיפער הייל — אַ פלוצלינגדיקער שטראַל,
ווייל אַלץ, וואָס איז קלאָר, פריש און עכט — אפילו אין דעם קליינעם
האָט אין זיך די אומענדלעכקייט פון דעם שיינעם״.

דער שוים און די כוואַליע

ווינטן האָבן דעם ים צעשטורעמט
און כוואַליעס האָבן זיך הויך געטורעמט,
צום הימל געהויבן זיך פון תהום,
און איבער זייערע רוקנס — דער שוים.

האָט דער שוים און אָפּפאַל אויבנאָן
געקיניגט, ווי אויף אַ קריסטאַל־טראָן
און געדרשנט: „מיין פלאַץ איז פון אויבן,
ווייל כ׳בין פון אַלע זאַכן דערהויבן".

די כוואַליעס האָבן געשטורעמט און געקראַכט
און ווי ווילדע ריזן — קאָנוואולסיוו געלאַכט
פון דעם קלוגן איינפאַל
פון דעם שוימיקן אָפּפאַל.

האָט זיך אָפּגערופן איין כוואַליע:
„ס׳איז דער דרך פון שוים צו גלויבן,
אַז ער געהערט צו דער העכערער פמליא,
און זיין פלאַץ איז שטענדיק פון אויבן.
ס׳איז דער שטייגער פון זאַכן אָן עסענץ,
שטענדיק צו רייסן זיך צו פראָמינענץ,
אָבער דאָס דראַפּען זיך איז אומזיסט,
ווייל מען זעט ערשט רעכט, אַז עס איז מיסט".

⁂

ס׳שוימט זיך אויס די שמוציקע קאַנאַליע,
אָבער ס׳פאַרבלייבט די לויטערע כוואַליע;
און אַלץ וואָס אומריין איז און אָפּפאַליק,
ווערט בטל אין דעם, וואָס איז קלאָר און קוואַליק.

דער גאַסן־לאָמפּ און די זון

אַ גאַסן־לאָמפּ, אין דער פרי אויסגעלאָשן,
איז אַרוים מיט אַ בייזן מענה לשון:
„די זון איז נישט מער ווי אַ לאָמפּ אין די טעג,
איך בין אַ זון אין די נעכט; נו, מילא, איך פרעג
נישט קיין קשיות און קיין שאלות;
פּאַרט, וואָס איז די גרויסע התפעלות
פאַר דער וואוילגעבוירענער דאַמע,
וואָס קריגט אַזאַ וועלט־רעקלאַמע?
שוין אָפּגערעדט פון די נאַראָנים,
וואָס פלעגן פאַלן אויפ׳ן פּנים
און אויפשטעלן טעמפּלען פאַר דער זון;
דאָס ווערט טאַקע איצט מער נישט געטון,
דאָך מאַכט מען פון איר אַ „צימעס",
אַז עס ווערט פשוט נימאס!
אדרבא, וויל מען זאָגן ריכטיק,
בין איך מער, נישט ווייניקער וויכטיק,
ווייל די זון זעט מען נישט דורך וואָלקנס און רעגן;
איך אָבער שיין שטענדיק אויף גאַסן און וועגן".

די זון — אַ פּנים באַזוימט מיט גאָלד־לאָקן,
האָט זיך צעלאַכט מיט קלאַנג פון זילבער־גלאָקן:
„ווי איך זע, לאָמפּ,
ביסטו גלאַט אַ גליאָמפּ!
דו ווילסט זיך פאַרמעסטן, פאַרגלייכן
מיט דעם, וואָס דו קאָנסט נישט דערגרייכן;
איך בין געשיקט פון אויבן צו געבן
פאַר אַלעמען ליכט און פרייד און לעבן —
קאָן מען דעריבער לייכט פאַרשטיין,
אַז מיין ליכט פאַרשיכורט ווי וויין.
אָבער דו, אין אייגן־לויבן
פאַרטעמפּט, קאָנסטו טאַקע גלויבן,
מען וועט בויען אַ טעמפּל
פאַר אַ פּוסטן לעמפּל?

בערנסאָן און הערנסאָן

צוויי פּריצים — בערנסאָן און הערנסאָן — האָבן בשכנות
געלעבט אויפן לאַנד, וואו זיי האָבן געהאַט גרויסע גיטער.
האָט בערנסאָן — אַ „צדיק אין פּעלץ" — געהאַט צום שכן טענות,
פאַרוואָס ער פירט זיך אויף גאַרנישט מעשה־ריטער.

האָט דער בעל־מוסר ביי יעדער געלעגנהייט
געפּרואווט ברענגען זיין שכן אין פאַרלעגנהייט
און אים געזאָגט, אַז אַזאַ עושר
דאַרף באַהאַנדלען זיינע מענטשן מיט מער יושר.

„אייערע אַרבעטער, נעבעך, זיי שוויצן
און האָרעווען אין די גרעסטע היצן
און פרירן אין דער קעלט
פאַרן בידנעם ביסל געלט,
וואָס געענוגט קוים אויף הירזש־קאַשע
(פּאַסיק בלויז בהמות צו פּאַשען) —
און וואָגן נישט צו פּראָטעסטירן צוליבן ציטער
פאַר זייער באַדריקער, דעם פּריץ דעם גרויסן,
וואָס קאָן זיי אַרויסשטעלן אין דרויסן —
און דערמאָלט איז דאָך שוין גאָר ווי און ביטער!

„יאָ, ר' שכן, איר גייט נישט מיט דער נייער צייט
און איר פילט נישט די ווינטן, וואָס ווייען;
דער גרויסער יום־הדין איז שוין נישט ווייט,
ווען אייערע שקלאַפן וועלן זיך באַפרייען."

פלעגט הערנסאָן געוויינטלעך געבן אַ מאַך
מיט דער האַנט, כלומר: וואָס איז צו רעדן אַ סך? —
אַ „צדיק אין פּעלץ" מוז דאָך מוסרן, פּריידיקן,
און — נישטאָ פון וועמען זיך צו באַליידיקן.

איין מאָל האָט ער אָבער נישט אויסגעהאַלטן:
„אין מיין גוט איז אַלץ אָפן, ווי אויף דער האַנט
און מען זעט, אַז מיינס אַ לוין־קנעכט
האָט ברויט און — וואָס נאָך וויכטיקער — רעכט.
אָבער אין אייער ווירטשאַפט איז אַלץ באַהאַלטן
און אַרומגערינגלט מיט אַ סודות־וואַנט,

מיט שטעכל־דראַט און ראַסטיקע ‚תקנות׳,
און פֿאַר אייערע אַרבעטער גרויסע סכּנות
כּסדר לויערן
אַרום די מויערן.
ער מוז אַרבעטן ווי אַן עבֿד כּנעני
און טאָר נישט האָבן קיין טענה. —
און איר ווילט נאָך מיר מוסר פּריידיקן
און איך זאָל פֿאַר אײַך זיך מוזן פֿאַרטיידיקן?״

∴

טייל מפֿונקים זוכן מיט אַ פֿאַרגרעסער־גלאָז,
בײַם אַנדערן, אַלערליי שמוץ און מיאוסקייט;
זיי דאַרפֿן אָבער זיכער נישט זוכן אַזוי ווייט,
ווען די ״אוצרות״ זענען בײַ זיי ״אונטער דער נאָז.״

דער חזיר און דער קוגל

א שטעטלדיקער חזיר, פון בלאָטע־באָד פריש,
האָט אויף א פלאַץ געפונען א קוגל —
שיריים פון רייכן שבת׳דיקן טיש;
האָט ער א שמעק געטאָן — און אומצופרידן
געבליבן פונעם מאכל פון די יידן:
— „פוי, ווי חלשות, ס׳א מיגל!״
האָט ער פארקרומט זיין מבינישן שנוק
און געגעבן א מוזיקאַלישן כרוק:
„א פאַטראַווע — ממש א מיאוסקייט!
פול מיט פעטס און מליצה־זיסקייט,
מיט פרוכטן, געווירצן — הוילע עקזאָטיקע —
ווי קומט דאָס צו די מעדנים, די בלאָטיקע?
כררר... אז פאַסקודסטווע, איז דאָך נישט שייך.
ס׳האָט נישט קיין חזירישן טעם און ריח!
מאלע, וואָס באַשעפענישן קאָנען אלץ עסן —
איידער אזא מענטשעריי, וואָלט איך גיכער געפאַסטן!״
און אוועק זוכן זיינע דעליקאַטעסן
איז מר. חזיר צום שכנישן מיסטקאַסטן.

•:•

אלץ וואָס איז געשמאַק און פיין
איז פאַר א חזיר טמא, אומריין.
און ווען ער כרוקעט: „ס׳איז גלוסטיק!״
איז א סימן: ס׳איז עיפושדיק, מיסטיק.

דער הונט און דער פוקס

„רעקס", אַ הונט, באַקאַנט
אין דעם גאַנצן קאַנט
ווי אַ נאַשער פון קאָמפּלימענטן, לויבן,
האָט געהאַלטן, אַז ער איז דערהויבן
איבער דער גאַנצער הונטהייט,
סיי נאָענט און סיי ווייט,
און נישט בלויז האָט ער געטראַכט,
נאָר האָט אויך כסדר געמאַכט,
אַז אַנדערע זאָלן טראַכטן
'גרוים'־וועגן אים און פאַראַכטן
יעדן אַנדערן פון זיין ראַסע
ווי אַן אימיטאַציע אַ בלאַסע,
ווי אַ מיאוסע קאַריקאַטור,
ווי אַ דרוקפעלער פון דער נאַטור.

צו ווייזן, אַז ער איז יחיד־במינו,
האַלט ער אַן שטענדיק גאָר אַ וואַזשנע מינע
און גיט אָנצוהערן מיט זשעסטן
און זאָגט־אָן מיט זיין בילן־פּראָקלאַמאַציע,
אַז אים צו פאַרגלייבן און מעסטן
מיט סתם־הונטוואַרג איז אַ פּראָפאַנאַציע.

האָט „רעקס" חיות און בהמות פאַרבעטן
צום יאַטקע־פּלאַץ, כדי צו שפּעטן
פונעם פירפּיסיקן ערב־רב, דעם פעבל —
נישט כדי צו גיסן אויף אים פעך און שוועבל,
נאָר צו ווייזן, אַז ס'איז דאָ איין קעניג — ער,
די רעשט — אונטערטאַנען, אָדער נאָך וויניקער.

וואָס־זשע טוט „רעקס"? ער וואַרפט־אום מיט אַ טריק
די אַנדערע הינט, און מיט אַ שטאָלצן בליק
שטרעקט ער זיך אויס אין דער גאַנצער הייך,
ווי איינער זאָגט: „ווער איז צו מיר גלייך?"

די חיות און די בהמות האָבן געברומט
אין צושטימונג; טייל פון זיי גאָר פאַרשטומט
אין ערפאַרכט; ס'איז באַשיימפּערלעך: ע ר איז ע ר —
די אַנדערע זענען קאַרליקלעך, נישט מער.

דער פוקס, בטבע אַ כיטרער און אַ פרעכער,
האָט געזאָגט צו „רעקסן”: „נו, ביסטו העכער,
אָבער פאַרוואָס מוזסטו די אַנדערע אומשטויסן,
כדי זיך אַליין צו פייערן און צו גרויסן?
וואָלסטו טאַקע באמת געווען גרויס און הויך,
וואָלסטו דיינע קרובים נישט פאַרקלענערט;
מיט זייער ׳שוואַכקייט׳ נישט באַוויזן דיין כוח,
און מיט זייער ׳מיאוסקייט׳ זיך נישט פאַרשענערט.
ס׳איז דער שטריך גראָד פון דעם מיאוסטן, קלענסטן
צו האַלטן זיך פאַרן העכסטן און שענסטן
און דעם אייגענעם מין צו שענדן,
כדי אויף זיך כבוד צו ווענדן”.

דער דאָרנבוים און דער עפּלבוים

דער דאָרנבוים, שטעכיק, שטאָלץ, ווי זיין שטייגער,
האָט קריטיקירט דעם עפּלבוים
און געקיבעצט אים, מעשה-צעלייגער:
„קוקטס אים נאָר אָן — ר׳לעבט דאָך קוים!
אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד די צווייגן,
ווי בעטלערס, וואָס בוקן זיך און פאַרנייגן.
און ווי דאָס ציטערט ביים מינדסטן ווינטל-בלאָז,
טאַקע ווי דער שרעק-מייסטער, דער האָז!
ווי כ׳בין אַ בוים! ס׳איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד:
אַזעלכע קאַליקעס מאַכן אַ הקדש פונעם סאָד!"

טענה׳ט דער עפּלבוים: „אדוני קיניג פון וואלד,
מיט נאָדלען-קרוין, מאַיעסטעטיש געשטאַלט!
אמת, כ׳בין ווי אַ טרעגער געבויגן צום באָדן,
ווייל כ׳בין מיט רייפע פּירות אָנגעלאָדן.
דו ביסט לייַדיק — איז דיר לייכט
צו זיין ווערדיק, אויסגעגלייכט.
אָבער בעסער געבויגן און פול מיט פרוכט,
איידער שטאָלץ — און דערנערדיק פאַרפלוכט."

דער שטריק־טענצער

שפּאַנונג איז געווען אין יעדנס בליק
און געצילט אַלעמענס אויגן
צו דעם מענטש אויפן שטריק,
אין דער לופטן אַנגעצויגן.

ס׳איז שוין איינמאָל געווען אַ ספּעקטאַקל —
צו טאַנצן אין פיגורן מיט אַ וואַקל:
די „סצענע" איז טאַקע לאַנג, אָבער שמאָל
ווי אַ פינגער; און טיף אונטן — דער טאָל.

נאָך דער שפּאַנונג און דער שרעק,
ווען דער מאַן איז אַריבער דעם צווייטן עק,
האָט אַ קינד געפרעגט זיין מאַמע:
„דער טענצער איז שיכּור מסתמא?
ווייסט ער דען נישט, אַז וואַקלען זיך איז אַ געפאַר
און ער קאָן באַצאָלן מיט׳ן לעבן דערפאַר?"

האָט געענטפערט די מאַמע
(קענטיק אַ קלוגע דאַמע):
„מיין קינד, צו טאַנצן אויף אַ שטריק
איז גאָרנישט קיין לייכטער טריק:
מען מוז זיך בייגן אין אַלע זייטן
און כּסדר די פּאָזיציע בייטן.
צו גיין גלייך איז שווער —
מוז מען זיך נייגן אַהין און אַהער,
כּדי דאָס גלייכגעוויכט נישט צו פאַרלירן;
ווייל דער וואָס גייט און טאַנצט איבער אַ שטריק,
ווייסט: ער קאָן פאַלן און ברעכן ס׳געניק."

די וועספּע און די בין

אַ וועספּע האָט איינמאָל מיט קנאה
געטראַכט וועגן מזל פון די בינען
און טרעפנדיק אַ בין, זי באַפאַלן
מיט 'יעלות': „איך בין אַ בעלן
צו וויסן, וואו איז יושר?
איך אַ קבצן, דו אַן עושר!
א י י ע ר ע האָבן דאָס אַ שוואוילטאָג!
אַז טרעפן זאָל זיי אַ פּלאָג!
דאַכט זיך: מיר זענען פון איין משפּחה
(מיר געהערן דאָך צום זעלבן צעך
און גיבן די זעלבע באַלמעלאָכישע שטעך) —
און ס'אַרא חילוק! אויף אייך די ברכה —
פּרנסה, כבוד, הייזער — פּאַלאַצן,
אַזש פון קנאה צו פּלאַצן.
אָבער א ו נ ד ז ע ר ע אין גאַנצן לאַנד
ווערן געמאַכט צו שפּאָט און שאַנד.
און ווי אַן אָנשיקעניש, אַ פּעסט
באַטראַכט מען אונדזערס אַ נעסט.
נישטאָ קיין יושר אויף דער וועלט!"
קלאָגט די וועספּע און שעלט.

אויף די שטעך־רייד, זידלערייען
האָט די בין געענטפערט מיט אַ שמייכל:
„איך בין אַנטוישט אין דיר, פּאַך־קאָלעגע!
געמיינט בלויז דו ביסט אַ צרה, אַ פּגע.
איך זע אָבער, האָסט אויך נישט קיין שכל.
און כדי אַ סך נישט צו ברייען,
וועל איך דיר אין קורצן באַווייזן
דעם חילוק צווישן גוטן און בייזן:
א ו נ ד ז ע ר ע גיבן טאַקע אַמאָל אַ שטאָך
(ריינע צדקות איז זעלטן, און מן הסתם
איז יעדע זיסקייט מיט אַ טראָפּן סם),
אָבער האָניק פּראָדוצירן מיר דאָך.

„שטעכן איז אָבער אייער איינציקע מלאכה,
אַזוי, אַז איר געהערט נישט צו אונדזער משפּחה;
און דעריבער ווייכט מען ווי פון דער פּעסט
פון אַזעלכע אייביק־גיפטיקע געסט!"

דער אַנטיקן־פאַבריקאַנט

איינער, אַ מייסטער אין בלאָפן,
האָט, נעבעך, נישט געטראָפן
מיט זיינע פאַרשידענע טריקן —
איז ער געוואָרן אַ פאַבריקאַנט פון אַנטיקן.

האָט ער אָנגעהויבן, מיט גרויס עזות,
צו פאַבריצירן עטרוסקישע וואַזעס
און אַנדערע היסטאָרישע אַנטיקן
(די קונסט מוז דאָך האָבן אַ תיקון!):
דעם בראָנדזענעם העלם פון קעניג כדרלעומר,
די קופּער־פּאַנצערס פון די אַלטע רוימער;
אורנעס פון קרעטאַ, שפּיזן פון בבל,
סטאַטועס פון פאַרצייטישן כינע
און ענלעכע ווערק פון דעם קונסט־באָוול,
אַלץ באַדעקט מיט אַ הויט, אַ בלאָ־גרינע —
אַן איידעלן מעטאַלענעם שימל,
מיט דעם קאָליר פון אַן עקזאָטישן הימל,
כמו־גרינשפּאַן,
וואָס זאָגט אָן:
„מיר זענען שוין איינמאָל אַנטיקלעך:
ווער ס'וועט אונדז קריגן וועט זיין גליקלעך!”

אַ מבין, וואָס האָט געזען די אַלטערטימער,
האָט גלייך געטראָפן: „זיי האָבן אַ פאַלשן שימער
פון אַנטיקוויטעט, נישט קיין אָריגינעל עכטן;
די דאָזיקע רעליקוויעס זענען — פון נעכטן.
דער גרינשפּאַן איז געמאַכט מיט עסיק־זויערן —
די אַלטקייט־שמינקע איז נישט פון דויערן.”

∴

טייל פאַבריצירן אויך פאַלשן גרינשפּאַן
פון דעם אויטענטישן מוזע־טאָן,
און ס'ווייסט בלויז אַ געניט אויער:
די פּסעוודאָ־קונסט האָט נישט קיין דויער.

דער וואַנדערער און דער קוואַל

איינער אַ מענטש האָט אַ „בת־קול" געהערט אַמאָל,
אַז ער קאָן געפינען דעם קוואַל
פון אייביקער יוגנט און אייביקער פרייד
אין אַ לאַנד הינטער די הרי־חושך, ערגעץ ווייט.

דער מענטש — נבוך מיטן נאָמען — איז אַ וועלט
אויסגעוואָנדערט; אין זון און רעגן, היץ און קעלט
געוואַנדערט, ביז ר'איז געקומען צום ראַנד
פון אַ וויסטן טאָל. — „אָט איז דאָס וואונדער־לאַנד
וואו דו וועסט פון באַנייאונג־קוואַל טרינקען
און אין אייביקן גליק פאַרזינקען",
האָט געזאָגט אַן אַלטער מאַן, וואָס האָט אים באַגעגנט. —
נבוך האָט אַרומגענומען מיטן בליק די געגנט
און געזען: מידבר, זינקגעזעמדן, היילן אָן ענד —
פינצטערע תהומות פון מורא און פאַרלענד.

„איז דאָרט דער קוואַל פון יוגנט און גליק ?
פאַרוואָס דען קומט קיינער נישט צוריק
פון דעם וואונדער־וואַסער צו דערציילן ? —
וואָס איך זע, איז — תהומות און חושך־היילן.
(דאָס בת־קול, דער אַלטער ? — אפשר איז דאָס סתם
איינבילדעניש, גלאַט אַזוי אַ להד"ם).

„אויב איך האָב דעם קוואַל נישט געקענט געפינען
צווישן וואַלד, פעלד און פליין,
איינגעהילטע אין זון־שיין —
האָט עס דען באמת אַ זינען
צו טראַכטן, אַז ער וועט זיך אַנטפּלעקן
אין פינצטערע היילן, אין וויסטע העקן" ?

דער לייב אין דער שטייג

הינטער קראַטן אין חיות־גאָרטן —
באַשעפּעניש פון אַלע סאָרטן;
טייל שטילע, אַנדערע מיט געשריי —
אַלע חלומען צו זיין אויף דער פריי.

אין שטייג דרייט זיך דער טיגער
אַרום ווי נישט קיין היגער,
שטשירעט די ציין אין אַ ווילדער גרימאַסע
אויף דער אַרומיקער באַזוכער־מאַסע;
וואַיעט און קלאָגט
אין מיטן פון זיין רציחה־ברומען,
ווי איינער וואָלט געזאָגט:
„ווי אַזוי בין איך דאָ געקומען?"

אויך יעדע אַנדערע חיה —
מיט איר באַזונדערע העוויה:
טייל גדלותדיק פאַררייסן,
אין ווילדן צאָרן פאַרביסן,
אַנדערע אַפּאַטיש, נידערגעשלאָגן,
עלעהיי: „עס וועט דען העלפן דאָס קלאָגן?"
קלאָגעדיק זענען אַלע הינטער די קראַטן,
ווי פאַרמשפּטע אין די קאַזעמאַטן,
סיי אין זייער ברומען,
סיי אין זייער שטומען.

בלויז דער לייב באַווייזט אָנצוהאַלטן
זיין ווערדע צווישן די עלנטע געשטאַלטן:
שטאָלץ זיין קאָפּ אונטער דער קרוין־שעוועליור
און קיניגליך מאַיעסטעטיש זיין פיגור.
שטאָלץ און אויסדויער אין זיין בליק
און נישט דערשלאָגן אין אומגליק.
דעם לייבס כאַראַקטער אין זיין זעלבסט־באַהערשן
זעט זיך אַן נאָך מער, ווי אין זיין הערשן.

די מוראַשקעס און דער זשוק

שפּאַצירט זיך איין מאָל אַרום אין גאָרטן אַ זשוק
געמיטלעך; קענטיק, נישט קיין 'מרוק'.
וואָס דאַרף דען אַ זשוקל? שהי־פּי, און אַלץ געפעלט
אים; דאַוונט ער: „מה טובו אוהליך, וועלט!"

דערנעבן אָבער — גאָר אַן אַנדער בילד
זעט דער זשוק, אַן אומהיימלעכע מיליע:
אַ מוראַשניק; אַרבעט־קאָלאָנעס לויפן ווילד
אין האַרמידער. צעשטערט איז די אידיליע.

האַווען די מוראַשקעס אַרום אין גאָרטן,
שלעפּן, ציען, טראָגן פון דאָ און דאָרטן.
און איינע, וואָס האָט געפירט אַ טויטע פליג,
ווי אַ טראָפעי, וואָס מען ברענגט פון קריג,
דרשנט צום זשוק: „העי, דו פוילער עלעמענט!
וויפל איז דער שיעור צו קריכן פוסט־און־פּאַס?
זע: ס'ברענט די אַרבעט אונטער די הענט
ביי אונדז; מיר גרייטן זאַפּאַס אויף זאַפּאַס.

„שוין צייט זאָלסט ווערן אַ מוראַשקע — אויף בוימער
און קוסטן קלעטערן ווי מיר, אין דיסציפּלין.
אַ לעבן מוז מען מאַכן, פוילער טרוימער — —
און נישט שלעפּן זיך אַהער און אַהין!"

דער זשוק האָט געענטפערט קאַלט, געלאַסן:
„עסן אַ פליג־סטעיק און אַרבעטן 'קאַטאָרגע' —
צו לעבן אין אַ קאַזאַרמע,
אונטער ברוטאַלע זשאַנדאַרמען
און לויפן מיט געיאָגטע שקלאַפן־מאַסן,
צו זיין פאַרזאָרגט — מיטן ש פּ אַ נ י ש ן 'מ אָ ר ג ן'?

„אַ דאַנק! בעסער צו לעבן באַשיידן
און געניסן פון פרייהייט, בנאמנות,
איידער צום 'מאָרגן'־גן־עדן
צו לויפן אין גיהנום־קאָלאָנעס!"

דער שלום־וואָלף און דאָס פיך

א וואָלף האָט אַמאָל געלאָזט וויסן,
אַז ער פירט־איין איביקן פרידן:
„אַלע באַשעפענישן וועלן קענען פון רו געניסן
און לעבן גליקלעך און צופרידן.
די בהמות וועלן ווערן אויפגעריכט
און וועלן פאַר קיינעם מער נישט ציטערן;
זיי וועלן זיין אונטער מיין גוטער אויפזיכט
און שלווהדיק אויף די פעלדער זיך פיטערן".

ווען ס׳זענען געקומען צום וואָלף די שאָף און רינדער,
האָט ער פאַר זיי געהאַלטן א לעקציע:
„נישטאָ קיין רעכט אָן פליכטן, מיינע קינדער —
איר מוזט צאָלן פאַר מיין פּראָטעקציע".

האָט ער גלייך געכאַפּט און פאַרביסן מיט א שעפּסל
און געזויפט זיין בלוט ווי א שנעפּסל.
נאָך דעם האָט ער פאַרענדיקט מיט א געהויל:
„דאָס אַלץ איז פאַר דער סטאַדעס וואויל.
דער יחיד מוז אַמאָל געבן א קרבן
פאַר דעם קאָלעקטיווּום אינטערעסן,
אויב נישט, איז ער גאָר פאַרדאָרבן,
און מע דאַרף דאָך אוודאי אים אויפפרעסן!"

ווען דער וואָלף איז א ביסל איינגעשלאָפן,
זענען די בהמהלעך זיך צעלאָפן,
זיך געראַטעוועט אין אַלע זייטן,
און איינער האָט געזאָגט דעם צווייטן:
„אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן פון רויבערס׳ טריקן,
גאָר באַזונדערס פון דעם וואָלף מיט שעפּסענע בליקן:
ער פאַרצוקט און פרעסט,
און גיט־אַרויס א שלום־מאַניפעסט.
דעם וואָלפס שלום איז דער סוף
פון דעם פיך — די ציגן און שאָף;
דאָס איז דעם וואָלפס זיג
אין דעם געמיינסטן שלום־קריג."

דער הונט און דער באַלעבאָס

„קינג", אַ הונט וואָס האָט קיין עוולות נישט פאַרטראָגן,
האָט געהאַלטן אין איין בילן און קלאָגן;
פּראָטעסטירט ער כסדר און שעלט — —
ווי איינער זאָגט : „ס'איז נישט הפקר אַ וועלט!"

סיי אויפן גרינצייג־מאַרק, סיי ביים היימישן טויער,
רק אויסגעשטרעקט די מאָרדע, אָנגעשפּיצט אַן אויער,
און, כדרכו, אויסגעדריקט זיין ווידערווילן
מיט זיין הינטישן פּראָטעסט — דעם בילן.

אַ כלל, „קינג" האָט געהאַלטן אין איין האַווקען
אויף אַלע, און נישט גראָד דווקא
אויף פרעמדע; ער שוינט נישט קיינעם —
אויך נישט אייגענע און שכנים.

ס'וועטאַאירט טאַקע אַלץ (חוץ זיין „ביל") „קינג",
אָבער אונטערשיידן לאָזט זיך דאָך גרינג :
וועמען בלויז אַ בייזן „האַוו־האַוו", וועמען — מיט אַ לעק
און מיט אַ פריינדלעכן דרייען מיטן עק,
עלעהיי : „איך שווער ביי מיינע אבות,
אַז די בילעריי איז אויף קאַטאָוועס!"

אַווע־טאַווע : צי בייז, צי פריינדלעך,
ברוטאַל, אָדער מיט חנדלעך —
„קינג" איז מיט זיין ביל־קאָנצערט אָנגעגאַנגען —
פון פּיאַניסימאָ, ביז קרעשטשענדאָ־„געזאַנגען".

האָט אַ קינד געפרעגט דעם טאַטן, דעם באַלעבאָס :
„האָט אַ הונט אַזוי פיל ווייטאָג און פאַרדראָס,
וואָס ער בילט אַזוי? ער קאָן דאָך נישט אויף די ציין
זיך רייסן גלאַט אין דער וועלט אַריין!

שמייכלט דער באַלעבאָס : „דו זוכסט אַ גרונד,
מיין קינד, פאַרוואָס ס'בילט אַ הונט? —
ווייל ער איז אַ כלב, און דער בלויזער ביל
איז זיין באַרוף, זיין גרונד און זיין ציל!"

די צוויי בארג־קלעטערערס

צוויי בארג-קלעטערערס האָבן זיך געטראָפן —
איינער, וואָס איז צו דער הויך געשטיגן,
האָט געהאַט אַ בליק — פול מיט גלויבן און האָפן —
און האָט כסדר געזונגען אַ ניגון.
און הגם באַרג-אַרויף, טאַנצנדיק געגאַנגען,
ווי ער וואָלט דערוואַרט דעם גליק-פויגל צו פאַנגען.
און דערווייל — אינטערעס מיט יעדן גרעזל,
מיט'ן מינדסטן וועוריקל אָדער העזל;
און מיט גרויסער פרייד רק געשטיגן —
דער גאַנג אַליין איז געווען אַ ניגון.

דער קלעטערער וואָס איז געגאַנגען צוריק,
האָט געהאַט אַ פינצטערן, פיינלעכן בליק,
און כאָטש ס'איז לייכט דער באַרג-אַראָפּ,
איז טרויעריק געזונקען זיין קאָפּ.

דער אַרויפגייער שטעלט אים אַ פראַגע:
„ס'איז טאַקע נישט מיין באַבעס דאגה,
אָבער פאַרט, פאַרוואָס אַפּאַטיש אַזוי
איז דיין בליק, און דיין פּנים — שטויביק גרוי?
ס'איז דאָך אַ נחת דער בלויזער וועג —
אויסגעבעבט מיט סורפּריזן אָן אַ גלייכן;
ווער שמועסט נאָך — אָנצוקומען צום ברעג,
דעם ציל פון דער רייזע צו דערגרייכן!"

ענטפערט דער אַראָפּגייער: „מיין פריינט,
עקזאַטיש, געשפּאַנט איז דיין יעדער היינט
און דיין מאָרגן אין ראָז-שלייערן געהילט;
דיין גאַנץ וועזן צום באַרגשפּיץ געצילט
און פאַר דיר די הויכן און ווייטן
כסדר נייע עקסטאַזן גרייטן.

„ס'איז נישט קיין חידוש — דו ביסט פריילעך, מונטער:
דו שטייגסט אַרויף, נישט באַרג-אַרונטער.

„איך אָבער האָב שוין ווייט הינטער זיך די פּראַכט
פון דעם באַרגשפּיץ און דעם זוניקן אַרויפגאַנג;
איך גיי צוריק צום טאָל, וואו ס'הערשט נאַכט —
איז אַ וואונדער וואָס כ'בין טרויעריק און באַנג?"

די היענע און דער וואָלף

אַ היענע האָט אַמאָל אַ וואָלף באַגעגנט
אין פעלד; און אַזוי ווי ס׳האָט שטאַרק גערעגנט
און ס׳האָט געדונערט און געבליצט,
האָבן זיי אין אַ נאָרע זיך באַשיצט.

האָט די היענע ביי דער געלעגנהייט אויסגערעדט
איר ביטער האַרץ: בכן, זי ווערט אויסגעשפּעט
און פאַראַכט פון דעם גאַנצן חיות־כלל — —
אפילו דורך דעם נישטיקן שאַקאַל.

„איך בין טאַקע נישט מער ווי אַ היענע,
אָבער מיט וואָס בין איך ערגער ווי יענע —
פון אַלערליי כאַפּערס, פאַרצוקערס און פרעסערס,
אַז יעדער זאָל זיך האַלטן פון מיר ווי עפּעס בעסערס?"

דער וואָלף האָט געענטפערט מיט אַ ברום:
„נישט בלויז דיין קערפּער — אויך דיין געדאַנק איז קרום;
מען קוקט אויף דיר מיט שפּאָט און גדלות,
ווייל דו, נבלה, נערסט זיך מיט פּאַדלעס.
און ווען דו פאַרצערסט דאָס אָפּפאַל פון פרעמדע מאָלציייטן,
מאַכסטו אַ מינע, ווי דו וואָלסט זיי אַליין צוגרייטן.
צו נערן זיך מיט יענעמס איז מיאוס, מילא:
טאָפּל מיאוס איז צו נערן זיך מיט נבלה.
אַליין ביסטו אַ רוצח און דו קאָנסט פאַרגיסן בלוט,
אָבער צו גיין אויף יאַגד האָסטו נישט קיין מוט.
הייסט עס, אַז צו אַלע דיינע מעלות, ביסטו אויך אַ פּחדן —
טאָ ווי אַזוי זאָלן די חיות דיך נישט פאַראַכטן? —
נאָך דערצו וואָס דו ביסט אַזאַ מין „כלי",
פון וועלכער ס׳הערט זיך שטענדיק נבלה."

דער חיות־פּאַרלאַמענט

די דזשאַנגל־פּראָמינענטן האָבן איין מאָל,
מיד פון דער סומאַטאָכע, באַשלאָסן מען זאָל
ענדיקן די הפקרות, שאַפן אַ נייע עפּאָכע —
אַלע מינים זאָלן ווערן איין משפחה.
אַנשטאָט איינער דעם אַנדערן צו פרעסן,
זאָל מען אַלץ רעגולירן ביי קאָנגרעסן:
דעבאַטן, וואָלן אויפן אָרט פון נעגל, רייסציין,
און רעכט פאַר יעדן מין — גרוים צו קליין.
און אַ חיות־ראַט זאָל פּראָקלאַמירן בפרהסיא:
אַ סוף מוז קומען צו יעדער אַגרעסיע.
יעדער מין — זיין טעריטאָריע, זיין נאָרע;
ווער ס׳וועט אַטאַקירן, וועט זיין די כפרה.

ביים חיות־פּאַרלאַמענט — אַ טומל, אַ געפּילדער,
פאָרטרעטער פון דער האָרדע, דער ווילדער —
דער וואָלף, לייב, בער, טיגער און קראָקאָדיל —
טענהן: „דאָס רעכט פון די שוואַכע איז אונדזער ציל!"
דער טיגער ברילט און דריקט אויס קאָנדאָלענץ
די פאַרפאָלגטע מינים: „נעבעך, אַ רחמנות
אויף די שוצלאָזע, דעם לייב׳ס קרבנות;
ס׳מוז דער טיראַן געטאַדלט ווערן דורך דער קאָנפערענץ!"
און דער בער צום וואָלף טענהט מיט היץ:
„זאָלסט זיך ניט דערוועגן צו באַפאַלן די ציג
און דעם הירש — די אומשולדיקע, וואָס איך באַשיץ,
סיידן דו ווילסט מיט מיר פאַרפירן אַ קריג!"

די „פרידלעכע" — די היענע און דער שאַקאַל,
אויך דער טכויר און דער עכבר אין דעם כלל —
טראַכטן זיך: „זאָלן די גרויסע זיך רייסן,
וועט אויך בלייבן פאַר אונדז צו פאַרבייסן."
האָבן זיי געלויבט דעם קראָקאָדיל, דעם טיגער און דעם בער:
„גערעכט, בנאמנות! איצט זעט מען ווער
ס׳באַשיצט די חיות, קליינע און נייטראַלע
קעגן די בלוטזויגערס די ברוטאַלע".

דער וואָלף, דער לייב און קאָמפּאַניע
האָבן אויך נישט געשוויגן:
„זינט ווען קעמפּט דער בער קעגן טיראַניע
און דער טיגער איז אַ מליץ-יושר פאַר די ציגן?"

האָט זיך אָנגעהויבן אַ געהויל און אַ געבריל:
איינער קעגן לייב, אַ צווייטער קעגן קראָקאָדיל;
און אינמיטן גאָר פאָדערט ריינקייט די היענע
און דער טכויר — גוטע לופט און היגיענע.

אין אַ זייט האָט דאָס פערד געהירזשעט פון געלעכטער:
„געקומען צייטן — ס'דרשנט וועגן יושר און רעכט דער
קראָקאָדיל, און וועגן ריינקייט דעבאַטן
פירן — היענעס, טכוירן און ראַצן!"

דער רויטער און גרינער עפּל

אַ רויטער עפּל צווישן גרינע, אויפֿן טעלער,
האָט איינמאָל געמאַכט אַ וואַזשנע מינע:
„ווי קום איך דאָ אַהער, בעל־חן אָן אַ פֿעלער,
צווישן דעם פּעבל — האָלעדריגעם גרינע?

„אויסצומישן אונזער ראַסע מיט דעם מין
איז, בנאמנות, אַ גרויסע גראַנדע;
גאָלדיק־רויט זאָל הויזן מיט אומרייפֿן גרין —
קאָן נאָך זיין אַ גרעסערע שאַנדע?"

זאָגט איין גרינער עפּל (קענטיק, דער וואָרטזאָגער
פֿון דעם 'געמיינעם קלאַס'): „הער אויס, סנאָב פּרעכער,
הינטער נאַטור־שמינקע — שיינע פֿאַרבן —
קאָן די פּרי זיין גריילעך פֿאַרדאָרבן.
מיר, אָבער, גלענצן און בלענדן ווייניק,
דערפֿאַר — נישט צעפּוילט אינעווייניק".

∴

אָפֿט איז אויסערלעכקייט פֿון בעקלעך ראָזע
אַ מאַסקע פֿאַר אַ נפֿש — טייוואָליש שוואַרץ;
אָבער הינטער פּראָסטער עכטקייט, אָן פּאָזע,
קאָן אַמאָל זוניקן אַ שיין, גאָלדן האַרץ.

שלאַנגען אין כעלעם

ויהי היום — אין אַ שיינעם, העלן טאָג
איז אין כעלעם געוואָרן אַ גרויסע קלאָג:
שלאַנגען באַפאַלן קליין און גרויס,
און אַ קרבן כמעט אין יעדן הויז.

זענען געקומען צו אַן אסיפה
די חכמי־העיר, און געדאַנקען טיפע
אויסגעטוישט וועגן דער צרה דער הארבער —
ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון די פאַרדאַרבער.

זאָגט איינער: „ס'קאָן דאָך נישט זיין סתם,
אַז ברואים זאָלן איינשפּריצן עמעצן סם;
שלאַנגען זענען אין דער טבע זייער מילד —
אַ פּנים, ווען מען דערצערנט זיי, ווערן זיי ווילד.‟

זאָגט אַ צווייטער: „מען דאַרף דעם תוך פון דער צרה
דערגיין: אַלץ הויבט זיך אָן פון דער נאַרע;
מן הסתם זענען זיי געווען היימלאָזע קינדער
און פון דעם זייער גיפט, זייער האַס דער בלינדער.‟

טענהט אַ דריטער: „שולדיק איז נישט די נאָרע,
זיי האָבן פּשוט געכאַפּט אַן עין־הרע,
אָדער גאָר — די צייַנדלעך שווער געגאַנגען —
דערפאַר בייסן די שלאַנגען.‟

אַ יידל, וואָס האָט געהערט די קלוגע רייד
פון די חכמים און געלערנטע לייט,
האָט געזאָגט: „זייער שאַרפע סברות,
נאָר בלויז, זיי טויגן אויף כפּרות.
'פאַרוואָס, ווי אַזוי?' דער פּיפּערנאָטער
בייסט דערוויל און הערט אייך ווי דעם קאָטער.
דער וועג פּטור צו ווערן פון שלאַנגען —
איז זיי צו טויטן, אָדער צו פאַנגען.‟

דער אינדיק, די קאַטשקע און דער שוואַן

אַן אינדיק האָט אַמאָל ביים ראַנד פון אַ טייכל
זיך אָנגעבלאָזן און פון זיך געקוועלט:
„איז נאָך דאָ אַ פויגל — אַזאַ שיינער און בעל־שכל?
דאַכט זיך: נישטאָ מיין גלייכן אויף דער וועלט!"

„האלדער־האלדער!" רופט ער צום שוואַן און דער ענטע —
„העי, וויסער לעקיש, ביסט דאָך נודנע און אַ תּם;
און דו דאָרט, ביסט דאָך אַ פּלוידערזאַק, אַ יענטע!
איר ביידע — אַ חרפּה פאַר אונדזער פויגל־שטאַם."

די קאַטשקע איז אַרויס מיט אַ מענה־לשון:
„קוואַק־קוואַק־קוואַ! קיין שכל פאַר אַ גראָשן
האָסטו דאָך נישט, פריינד־אינדיק!
לאָמיך דיר זאָגן קורץ און בינדיק:
„זידלען דאַרף מען נישט מיך, נאָר דעם שוואַן בלויז:
קאָן נישט עפּענען דאָס מויל און האַלט זיך גרויס.
קוואַק־קוואַק! אַן לשון און אַן קאַלירן — —
און דאָס האַלט אין איין שטאָלצירן."

דער שוואַן האָט געהערט און געשוויגן
און אוועקגעשוואומען שטיל, באַזאָכט,
זיס גראַציעז, ווי טענער פון אַ ניגון,
פאַרחלומט, ווי אַ צויבער־הימל פאַרנאַכט.

•:•

אָפט בילן טיפּשות און געמיינקייט,
אין אוניסאָן מיט חוצפּה און ליגן,
קעגן שטילער גראַציע און שיינקייט;
זי אָבער — קריגעריי נישט איר דרך
און זי וויים איר אייגענעם ערך,
און — נישטאָ וועמען צו באַזיגן.
הויבט זי אויף די פליגעלעך און גייט פאַרביי
די בלאָטעס און קריכערס אלערליי.

די פליג און דאָס פלאַטערל

אַ פליג, קוים מיטן לעבן געראַטעוועט
פון אַ שטוב, וואו זי האָט באַלעבאַטעוועט,
האָט פאַרהילכט דעם אַרום
מיט איר פריקרען זשום
און צום פלאַטערל — בזה הלשון:
„איך בין אַ פליער; כ׳טו שוועבן
אין לופט ווי דו, אָבער מיין לעבן
איז, נעבעך, נישט ווערט קיין אַלטן גראָשן.
אַ חוצפה און העזה: זיך צו מיגלען
פון עמעצן וואָס האָט פליגלען
און נאָר צוצוקלאַפּן אים צו דער וואַנט,
אָדער צו פאַרטרייבן אים מיט שאַנד!

„דיך, אָבער, באַטראַכטן גרויסע און קינדער
ווי אַ שימערירנדיקן וואונדער
און פּאַטשן כסדר באַזינגען
די שיינקייט פון שמעטערלינגען.”

דאָס פלאַטערל ענטפערט: „איך פלי אַרום
שיכור פון זון און לופט, און אומעטום
פאַרשפּרייט איך פרילינג׳ס גאָלדענעם שטויב.
כ׳זאַפּ־איין פון בלום און בלאַט
דעם פיינעם אַראָמאַט,
און מיינע פליגלען זענען אַ פאַרביקער לויב
צו לויטערקייט און שיינקייט —
ווי קומט צו דעם דיין אומריינקייט?
ווי קומען מיסטיקע ברואים — פליגן —
צו ווערן באַזונגען אין אַ ניגון?”

דער חזיר אין גאָרטן

א חזיר איז, ווי זיין שטייגער, אומפאַרבעטן
אַריין אין אַ גאָרטן, געשנאָפּט אין אַלע זייטן
און אָנגעהויבן רייסן, צעטרעטן
די בלומען, די בלעטער און די בייטן.

אַ וועוועריק, וואָס האָט אויף אַ בוים
שטיל געגריזשעט אַ ניסל,
האָט געפרעגט: „וואָס פאַרסקעסט דו אַזוי מיט שוים
און ווילדעוועסט, דו חזיריש פּיסל?
און צעשטערסט רציחהדיק פאַרביסן
אַלץ וואָס דו קאָנסט נישט געניסן?
ס'איז טאַקע אמת, אַז בלומען
זענען נישט פאַר קיין חזירישן גומען,
און מיט פיינע קאָלירן און ריחות
האָסטו גאָר אַ קנאַפּע שייכות;
אָבער פאַר וואָס מוזסטו רואינירן, מיט אַ מינע
פון אַ פיינשמעקער, דאָס אַלץ, וואָס אַנדערע געניסן —
צוליב אַ נידעריקער קנאה־שנאה —
מיט דיין פּיסק, דעם וואולגאַר־מיאוסן?

„קער זיך צוריק צו דיין עיפּושדיקן שטאָל
און פאַסמאַקעווע זיך מיטן מיסטקאַנאַל;
וואָס האָסטו צו טון מיט שיינע בייטן,
ווי קומסטו, חזיר, צו פּראַכטיקע קווייטן?"

•••

נישט בחינם זאָגט מען: „אַ שוויין"
אויף אַלץ וואָס נידעריק און געמיין:
נישט נאָר איז ער
אַליין אַ חזיר,
נאָר געפינט אויך אַ נוצן
דאָס שיינע צו באַשמוצן.

די וואַסער־„אַרענדאַרן"

אַ האַלב-ווילדער שבט האָט אַמאָל
געלעבט אין אַ פאַרוואָרפענעם טאָל
און מיט שטאַרקער האַנט געפירט די גרענדע
דורך נעמען דאָס וואַסער אין „אַרענדע"
ביי דער מאַמע נאַטור. — פון נאָענט און ווייט
האָבן שטאָט-איינוואוינערס און דאָרפסלייט
געקראָגן דאָס וואַסער פון די קוואַלן
און פאַר דעם געמוזט גאַנץ גוט צאָלן.

מיט אַמאָל האָבן זיך געכאַפּט די „אַרענדאַרן",
אַז זיי דאַרפן זיך נישט לאָזן אָפּנאַרן
און אַלע האָבן אין איין קול
געזאָגט: „דער וואַסער-מאָנאָפּאָל
איז אונדזער און דער פּרייז איז אונדזער זאַך;
פון היינט אָן ווערט ער געהעכערט פילפאַך".
און צו ווייזן אַז דאָס זענען נישט קיין הוילע ווערטער,
האָבן זיי אָפּגעשטעלט דעם שטראָם צו די אַלע ערטער.
די דאָרשטיקע האָבן זיך געטראַכט: „פאַרפאַלן,
מיר מוזן דאָך אָנקומען צו די וואַסער-קוואַלן,
וועלן מיר צאָלן וויפל זיי ווילן,
אַבי אונדזער שטאַרקן דאָרשט צו שטילן".

זענען די חברה-לייט געוואָרן שיכור פון געלט
(ווי שיכורים, וואָס נאָך אַן איבעריקער כוס'ע,
ווילן זיי שוין אויסטרינקען אַ פלאַש אַ גרויסע)
און האָבן געזאָגט צו די קונים: „ווי אייך געפעלט,
אָבער מיר האָבן איינשטימיק באַשלאָסן
אַז אונדזער וואַסער איז צו אייך געפלאָסן
פאַר האַלב-אומזיסט; מיר וועלן מוזן דעם פּרייז אַרויפשרויפן —
אַ ברירה האָט איר דען? איר וועט דאָך מוזן קויפן".

דאָ איז ביי די קונים שוין פול געוואָרן די מאָס
פון דעם פריער-אָנגעזאַמלטן צאָרן און פאַרדראָס
אויף די וואָס ווילן, יעדער אין זיין געצעלט,
ממש אַריינגעמען די גאַנצע וועלט,
און זיי האָבן מיט קעגן-מיטלען געוואָרנט, אויב
די געלט-צאַפּערס וועלן אָנגיין מיט זייער רויב:

„נישקשה, איר דאַרפט אויך אונדז, איר האָרדע,
און מיר קענען אויך אייך אָנרייבן אַ מאָרדע".

האָט דער ראש פון די בעלי־וואַסער זיך באַקלאָגט
אויף דער חוצפה פון די קונים און ער האָט געזאָגט:
ס'איז עקאָנאָמישער אימפּעריאַליזם — צו באַפעלן
אונדז וואָס צו טון?! ווי אונדז וועט געפעלן..."

•:•

„מאָראַל" דאַרף מען נישט זוכן ביי די האָטענטאָטן —
פאַראַן אַנדערע וואָס שטעלן זיי אין שאָטן:
„אויב איך רייס פון דיר די הויט, בין איך אַן ערלעכער;
אויב דו ווערסט זיך — ביסטו אַ רויבער אַ געפערלעכער".

דער הונט מיטן מוילשלאָס

אַ הונט אַ בייזער האָט נישט געקאָנט איינשטילן
זיין ווילדע שנאה גלאַט אַזוי מיט בילן:
און ס'האָט דער כעסן
אָנגעהויבן בייסן
קליין און גרויס
אַרום דעם הויז.

באין-ברירה האָט דער באַלעבאָס
אָנגעטון דעם כלב אַ מוילשלאָס,
צו פאַרזיכערן, אַז ער זאָל מיט זיינע רייסציין
איבער מענטשן זיך נישט לאָזן וואוילגיין.

דער כלב, וואָס האָט פריער געהאַט אַ טאָפּל פאַרגעניגן,
האָט איצט זיך געמוזט באַנוגן
מיט אַ געדעמפטן געהויל
פון זיין פאַרצוימטן מויל
און זיין פאַרצווייפל
איז געווען כפל:
נישט בלויז קאָן ער נישט זיין בייס-דאָרשט שטילן,
נאָר אפילו נישט לייטיש זיך אויסבילן.

⁂

ס'איז דער גרעסטער פאַרדראָס
פאַר אַ בייזן כלב — אַ מוילשלאָס:
וואָס ער קאָן נישט אויסלאָדן זיין האַס,
פאַרגרעסערט נאָך זיין משוגענעם כעס.

דער אוירל אָ׳מאַן

דער אוירל אָ׳מאַן, פון קעלטישן אָפּשטאַם,
פון היבערניע-אינדזל אין מערב-ים,
איז געווען אַ העלד אַ ריטער,
און ווי איז געווען און ביטער
דעם וואָס האָט געקעמפט מיטן ריז,
העם גיבור מיטן שווערד און שפּיז.

אוירל אָ׳מאַן, פון דער פריער מיטלצייט,
איז געווען באַרימט ווייט און ברייט —
סיי ביי די זאַקסן, סיי ביי די בריטן —
מיט זיינע גוטע מאַנירן און זיטן.

ס׳האָט אָבער געהאַט בלויז איין מידה-קרענק
דער יורש פון דער קעלטישער שלאַכטע:
ער האָט געשמירט, געשריבן אויף טישן און בענק,
געדיכטעוועט פלאַכטע נאָך אַ פלאַכטע.

אַז ר׳איז אַ דיכטער האָט זיך אים געדאַכט —
און געשיכטעס, דראַמעס, פּאָעמעס געמאַכט
(ווי סאָפאָקל, ווערגיל, האָמער און אָסיאַן)
האָט דער דזשענטלמענישער אוירל אָ׳מאַן:
עלעגיעס, אָדעס, עפּאָפּייעס
וועגן פּרינצעסינס, נימפעס און פייעס,
שאַלאַמויזן, פּיפּערנאָטערס, געפּעכטן — — —
פראַזע-פּיקציעס און גראַמען-פלעכטן.

האָבן פיל מורא געהאַט פאַר׳ן פעכטער
מיטן שווערד און שפּיז, אָבער פאַרן „פלעכטער״
האָט געציטערט קינד און קייט, און יעדער
האָט אויסגעמיטן די „פּרוכט״ פון זיין פעדער;
אַנטרונען — ווען ס׳לעבן איז געווען טייער,
ווייל אַ וואַסער-פלייץ איז ערגער ווי פייער.

פון דעמאָלט אָן איז אין יעדער שפּראַך
באַרימט דער נאָמען פון אוירל אָ׳מאַן,
ווי אַ סינאָנים פון אַ מבול נאָך נח,
פון יעדן איינעם, וואָס האָט חשק — אָן כח;
און דער וואָס זאָגט גאָרנישט, שרייבט אַ סך,
קריגט דעם אַדל-טיטול: „גראַף אָ׳מאַן.״

דער לאָמער פוקס און דאָס פלינקע פערד

אַ פוקס אַ לאָמער האָט — הערט און שטוינט! —
אַרויסגערופן אַ פלינק פערד צו אַ געוועט:
אין אַ לויף־פאַרמעסט ווער זיגן וועט,
און ווי אַ טשעמפיאָן ווערן געקרוינט.

איז דאָס פערד געפלויגן ווי אַ וויכער
שנעל אַרום דעם קורס־רינג
אין גאַלאָפּ, גראַציעז־גרינג:
— ס'עט געווינען אין געוועט — דאָס איז זיכער!

דער פוקס טראַכט: „אויפן גלייכן וועג
קען איך נעבעך נישט לויפן, נאָר הינקען,
דערפאַר האָב איך אַ געדאַנק אַ פלינקען,
גענוג, צו זיגן אין דעם געיעג.”

דער פוקס — צוריק צו דער „מעטע” אין אַ זייט,
דורך אַ הינטערטיר — און ר'איז ביים ציל!
אַלע חיות אַפּלאָדירן מיט אַ געברִיל;
אַ טריאומף־פּאַראַד דעם זיגער מע גרייט.

⁂

קהלת, מיטן טיפן בליק,
האָט שוין געוואוסט דעם גרויסן טריק:
„נישט די פלינקע זיגן אין לויף־פאַרמעסטן”.
אָפט טאַקע נאָר קאַליקעס מיט קרומע פיס;
אַ שיינקייט־קעניגין ווערט „מים מיאוס”,
און פּאַיאַצן געקרוינט אין כבוד־פעסטן.
ס'פירט גלייך אַ קורצער, קרומער וועג צום טראָפעי:
קאָנסט האָבן קרומע פיס — און ווערן אַ לויף־קאַריפעי.

די קראָ און דער שפּערל

אין אַ טריבן ווינטערדיקן טאָג
(די ערד — מיט שניי־תכריכים איבערגעצויגן
ווי אַ מת מיט פאַרלאָשענע אויגן)
האָט אַ קראָ אויסגעקראַקעט איר קלאָג.

אין מיטן גאָר צעצווויטשערט זיך אַ שפּערל
און פון זיין העלדזל קומען קלאַנגען ווי פּערל:
אַט אַזוי, נישט מיר, נישט דיר,
זיך פאַרגאַנגען אין אַ סאָלאָ־שיר.

דערהערט דאָס די שוואַרצע קלאָגערין
און זי ווערט אַ גאַנצע מוסר־זאָגערין:
„קראַ־קראַ! ס׳פעלט נאָך צום רומל
אַט דער לייכטזיניקער טומל!

„אַ פּנים ס׳האָט דיך באַטראַסקעט אַ גדולה,
נאַרישער פויגל מיט דיינע זמירות דולע!
קראַ־קראַ! שעמען זאָלסטו זיך מיט דיין לאַקרעץ־געזאַנג,
נאָך דערצו איצט, ווען ערנסט איז דער צייטס פאַרלאַנג״.

ענטפערט דער שפּערל. „דו, שוואַרצע פּלאָג,
פאַרפינצטערסט נאָך מער די וועלט מיט דיין קלאָג,
און דיין מוסר און „ערנסט״ קראַ־קראַ־געזאַנג
שמעקט מיט טויט, צעפאַלונג און אונטערגאַנג.

„פינצטערע שעלטערין, מיאוסע קראָ,
אַזאַ נפש ווי דו, מיט דיין בייזן האַרץ,
פאַרוואַנדלט דאָס פרילינג־גאָלד אין גראָ
און פאַרטונקלט דעם הימל, מאַכט די זון — שוואַרץ.

„איך, אָבער, זע דאָס גראָז אונטערן שניי,
לייז־אויף אין זמר טרויער און וויי,
און פאַריאָג מיט קלאַנג־שפּרוכן בייזע דעמאָנען;
סיי אין זומער, סיי אין ווינטער
בין איך פרייילעך און מונטער —
מיין ליד איז דעריבער פאַר אַלע סעזאָנען.״

דער פּאַפּוגיי, דער סאָלאָוויי און די טויב

אַ פּאַפּוגיי האָט איינמאָל פון זיין שטייג
אין שטוב אַרויסגעקוקט; זעט ער אויף אַ צווייג
פון אַ בוים אינדרויסן זיצט אַ סאָלאָוויי
און זינגט אויף נאָטן אַלערליי.

האָט געקרומט די נאָז ר׳ פּאַפּוגיי
און מיט אַ ביטול אַרויסגעלאָזט אַ קריי:
„אַ וויסטע חרפּה און אַ שאַנד —
ווער ס׳געהערט היינט צום פויגל־שטאַנד!
אַ וויסטער שלימזל און אויך שטום:
וואָס פּאַפּעט ער דאָרט, דער בעל־מום!
נישט קיין חידוש, וואָס דער בראָדיאַגע
איז אין אַזאַ עלנטער לאַגע:
מען ווייסט דאָך נאָנט און ווייט,
אַז דאָס איז נישט צו גאָט און נישט צו ליוט".

האָט די טויב אפילו,
בטבע אַ שטילע,
דאָך נישט אויסגעהאַלטן
די פּרעטענזיעס, גוואַלדן:

„נאָר אַזעלכע ווי דו, פּוסטער פּראַנט,
מאַכן אונז צו שפּאָט און צו שאַנד:
צו זיין פאַרשפּאַרט און נאָכצופּלאַפּלען וואָס
עס פּלוידערט דער באַלעבאָס —
איז גאָר אַ פּאַסקודנע זאַך,
אומווערדיק פאַרן פליגל־פאַך.

„צו זינגען, צו פליען און זיין פריי —
דאָס איז דאָס גרעסטע גליק פון פייגל;
וואָס ווייסטו אָבער וועגן דעם, פּאַפּוגיי,
פאַרשקלאַפטער פּלאַפּלער אין דיין שטייגל?"

די שיך און די קאַלאָשן

אַ פּאָר שיך, ווי אַ שפּיגל
גלאַנצנדיקע און אויסגעפּוצטע,
האָבן געזאָגט צו קאַלאָשן אַ פּאָר
אין דער שטוב: „צו אַלדי גוטע יאָר —
נאָר נישט צוזאַמען מיט אונדז אין איין ווינקל!
און באמת, ווי פּאַסט צו אונדזער פינקל
אייער שכנות? ס'איז דאָך אַ מיגל
צו זיין לעבן בלאָטיק-פאַרשמוצטע!"

„איר פאַרריסענע שיך" — טענה'ן די קאַלאָשן, —
יעדער פונק יושר — ביי אייך אויסגעלאָשן:
פון אונדז האָט איר דעם גרעסטן נוץ —
מיר קריכן פאַר א י י ך אין ערגסטן שמוץ,
כדי אייך צו שאַנעווען און שוינען,
אָבער איר, אומווירדיקע פאַרשוינען,
'האָכשטאַפּלערס' און 'שוויצערס',
פאַרשעמט אייערע באַשיצערס;
אייך, מיט די שטאָלצע קרוינען
פאַסט נישט מיט אונדז צו וואוינען.
אָבער — פּרואווט אָן אונדז אין גאַס,
ווען ס'איז בלאָטיק און נאַס!
איבעריקנס, אייער גאַנץ שיינען
איז דאָך נאָר אַז מ ע ן ז א ל מ י י נ ע ן;
אָבער וויפל איר זאָלט נישט שמירן
זיך, וועט מען נאָך אַלץ קאָנען שפּירן
דעם ריח פון פעל און גאַרבן,
פון האַרבע שטאָפּן און פאַרבן.
איר קאָנט בלישטשען, גלאַנצן און בלאַנקען:
מען וועט אַלץ פילן די געשטאַנקען,
באַזונדערס דעם ערגסטן ריח —
די גאווה וואָס הערט זיך פון אייך!"

די מעוועס און די פּאַווע

אין חיות־גאָרטן שפּאַצירט אַרום אַ פּאַווע,
אין אַ פּאָזע — פול מיט קעניגלעכער גאווה,
און זי צעשפּילט דעם וואונדערלעכן רעגנבויגן
פון איר פּעדערן־פּראַכט מיט די פאַרבן־„אויגן".

אַ טשאַטע מעוועס אַרום האָבן געשפּעט:
„מאַכטס אַ וואַרע פאַר דער מאַיעסטעט,
וואָס פּאַראַדירט מיט איר שלעפּ —
אַ געבלימלט מוסטער פון קרעפּ —
און קאָקעטירט מיטן פּעדערן־פעכער
(אויפן קעפּל דאָס קריינדל
ווי אַן עקסטראַ צוגאָב־חנדל)
ווי איינער זאָגט: 'נו, ווער איז פון מיר העכער?'"

און צו דער פּאַווע — שוין דירעקט און פרעכער:
— „העי דאָרט, מיטן באַרימערישן פעכער,
פליען קענסטו נישט — דאָס איז קלאָר,
זינגען יכולסטו נישט — נישט וואָר?
וואָס־זשע פאַר אַ פויגל ביסטו? — בלויז אָנשטעלן
און גרים באַנוצסטו, כדי צו געפעלן."

זאָגט די פּאַווע: — „איר האַלט פאַר אַ לאַ־יוצלח —
נאַרישע פייגל — יעדן, וואָס איז נישט 'נוצלעך':
איך קען נישט פליען, זינגען? — פאַראַן געזאַנג און פלי
אין יעדער שיינקייט — אויך אין מיין פאַרבן־גלי.
ס'איז אָבער נישט די טבע
פון אַ פּראַקטישער מעווע
דעם נוצן פון שיינקייט צו שפּירן —
פון שיינקייט וואָס זינגט אין קאָלירן."

דער שור שנגח

אַ בוהיי איז געשטאַנען אין שטאַל
און ׳מע׳־דיטירט מיט אַן ערנסטער מינע;
געקייעט־מאַלעגיירעט, ווי זיינס גאַל,
לויט אַקסישן נוסח און רוטינע.

פלוצלינג איז אַריין אין דעם בוהיי אַ רוח,
ווי מען וואָלט אים געוויזן אַ רויט טוך,
און ר׳האָט מיט לייב־פּאָזע אויפן אָקס־ געשטאַלט
פּראָקלאַמירט: „איך בין קעניג פון דעם וואַלד!״

האָט ער גענומען קוועטשן די מאָרדע
און שטויסן אויף רעכטס און לינקס מיטן האָרן.
איז געשטאַנען אין אימה די בהמות־האָרדע
פאַרן צעיושעטן בוהיי און זיין גרימצאָרן.

האָט דער בעל־גאַווער אויסגעזידלט דעם סאָלאָוויי
און געשטויסן אים מיטן האָרנדיקן בליק:
וואָס פאַר אַ זינגער ביסטו, מליצהניק? אַך און וויי!
סענטימענטאַלניק, הער מיין געטלעכע ׳מו־מו׳־זיק.״

האָט דאָס געחוזקט פון דער פייגלדיקער מאַסע,
„דאָס זענען דאָך קרעאַטורן פון צווייטער קלאַסע:
דער שוואַן — אַ פוילאַק; די פּאַווע — נאַריש;
איר עק — נישט סימעטריש און נישט אוטיליטאַריש.״

און דער זעלבער פּיזמון — צו אַלע חיות,
רק ער שטעכט, זידלט און שעלט.
יעדן באַשעפעניש זאָגט ער אָפּ דאָס חיות —
דער בוהיי איז איבער אַלעם אין דער וועלט.

⁂

ווי מלכים קרוינען זיך דערנער,
בוהיים מיט חוצפּהדיקע הערנער,
און ס׳קרימט מיט איינרעדעניש די נאָז
דער שור שנגח:
„אַלץ פאַרמאָג א י ך!״
ער, וואָס זיין מיסיע איז עסן גראָז.

דער אַלטער פּאַרמער

דער אַלטער, עלנטער פּאַרמער איז גאָר קראַנק —
און חוץ דעם אימה־געפיל פאַרן שטאַרבן,
בוישרט אים דורך אַן אומהיימלעכער געדאַנק:
„ווער וועט מיך, אײַנזאַמען פּויער, אַרבן?"

דער אַלטער פּאַרמער קוקט מיט גרויס באַדויער
אַרום אויף זײַן נחלה; ס'ווילט זיך נישט שטאַרבן!
ס'הילט אים אײַן אַ שוואַרץ טוך — אַ שווערער טרויער:
„ווער וועט אײַנזאַמלען אויפן פעלד די גאַרבן?"

דער אַלטער פּאַרמער טראַכט: „מיט מי און פײַער
האָב איך געשאַפן — און איצט מוז מען שטאַרבן:
הפקר דאָס הויז און דאָס פעלד און דער שײַער —
אַלץ איבערגעלאָזט אויף וועלקן, פאַרדאַרבן."

דער אַלטער פּאַרמער פּרוּווט זיך דערמוטיקן:
אפשר וועלן 'קרובים' נאָך מײַן שטאַרבן
קומען? אָדער וועלן זיי מײַן מי בלוטיקע
צעשטערן — זייען ווינט און שניידן חורבן?"

דער אַלטער פּאַרמער זעט: ער מוז זיך שיידן
מיט אַלץ, ווי דער זון־פאַרגייַ אין בלוט־פאַרבן;
אים איז אַזוי טרויעריק־באַנג פאַר ביידן —
פאַר זיך און פעלד — פאַר זייער גורל האַרבן.

די אַלבאַטראָסן

אַלבאַטראָסן זענען געפלויגן איבערן ים —
און הגם די גרעסטע פון דעם פליענדיקן שטאַם,
האָבן טייל פון זיי, מיד פון רייזן אָן אַן עק,
זיך אַראָפּגעלאָזט צו רוען אויף אַ שיפדעק.

דעם גאַנג פון די אַלבאַטראָסן
האָבן באַמערקט די מאַטראָסן
און פון געלעכטער זיך געשטיקט:
— „אוי, ווי קאָמיש און אומגעשיקט!
— ווי זיי שלעפן זיך מיט די קאַטשקע־פיס!
— אַ ספּעקטאַקל — אי גראָטעסק, אי מיאוס!"

ווי מיט אַ פּאַרדראָס
האָט אַן אַלבאַטראָס
געזאָגט דער באַנדע:
„ס'איז אַ שאַנדע!
איר מעסט אונדז מיט אייער מאָס —
דעם צוגאַנג פון אַ מאַטראָס —
און איר ווייסט נישט, אַז הגם אין דער נידער
זענען מיר אומגעלומפּערט און דערווידער,
זענען מיר דערהויבן
אין די הויכן אויבן.
אונטן, דאָ אויף דער ערד,
איז אונדזער גאַנג באַשווערט
און מיר קאָנען גאָר צו אייך זיך נישט גלייכן —
אָבער מיר זענען מייסטערס אין די הייכן.
גיט נאָר אַ בליק ווי מיר פליען מעכטיק,
ווי מיר שוועבן לייכט־גראַציעז און פּרעכטיק:
וואָס פאַר אַ ווערט
האָט גאַנג אויף ערד?
ס'איז בלויז דאָ אַ דערגרייכן
אין דעם פלי אין די הייכן."

דער וואַנטזייגער און דאָס האַנטזייגערל

האָט געקלאַפּט און געפּילדערט אַ וואַנטזייגער
מיט גרויס שטאָלץ און ווערדע, און, מעשה-צעלייגער,
אַראָפּגעקוקט מיט ביטול און מיטגעפיל
אויף אַ האַנטזייגערל, וואָס איז געלעגן שטיל
אויף אַ טישל דערנעבן:
„כ׳וואָלט געוואָלט וויסן, כ׳לעבן,
וואָס איז דאָס, משטיינסגעזאָגט, פאַר אַ זייגער? —
אַ קאַרליק, גאָר נישט לויט אונדזער שטייגער!
און וואָס איז מכוח מעסטן די צייט?
ס׳איז שאַ-שטיל — איז געדרונגען, אַז עס שטייט.
ווי דען? אַ זייגער דאַרף מיטן גאַנצן קנאַק
אַרבעטן. ווי אַ מיזמור דאַרף זיין ׳טיק-טאַק׳
אַפּהילכן; אויב מען הערט אים נישט קלאַפּן,
איז שוין איבעריק אים דעם דופק צו טאַפּן,
און מען פאַרשטייט שוין טאַקע:
טויט פון אַ געווערק-אַטאַקע!״

קורץ נאָך דעם האָט גאָר דער גרויסער זייגער
זיך אָפּגעשטעלט, געבליבן אַ פּגר;
און עס האָט פּולסירט מיט לעבן דער שפּינדל-דופּק
ביים האַנטזייגערל, וואָס איז געווען טויט-אויבנאויפיק.
האָט דאָס האַנטזייגערל געזאָגט:
„פּריציייטיק האָט מיך באַקלאָגט
דער וואַנטזייגער; ר׳האָט מיין גאַנג
נישט געהערט, בלויז ז י י ן קלאַנג,
און געזען ז י י ן כוח. ס׳איז אָבער קאַפּויער:
גראָד דאָס קליינע און שטילע זייגערל האָט דויער.״

⁂

ס׳איז שווער צו הערן די זייגערס, שטילע און פיינע,
צוליב די טומלערס, די וואולגאַרע און געמיינע;
אָבער צו אונטערשיידן
צווישן די מיניםביידע
איז גענוג צוצולייגן אַ מבינישׁ אויער:
דער טומלער ווייזט בלויז די ווייל
און ווערט שנעל אַ שברי-כלי;
צום שטילן, פיינעם זייגערל געהערט דער דויער.

דאָס געריכט

איינער אַ מענטש האָט אַ פּראָצעס געפירט
קעגן אַ צווייטן, וואָס האָט געוואוינט
אין זיינע עלטערנס הויז; האָט דעצידירט
אַ געריכט: „יחלוקו" — יעדנס רעכט געשווינט.

אין דעם „אַלט-געזעסענעם" איז אָבער אַ רוח-שטות
אַריין און ער האָט רעבעלירט קעגן געריכט-באַשלוס,
און ווילנדיק דעם אַנדערן פאַרטרייבן,
האָט ער אַליין געמוזט אין דרויסן בלייבן.

שפּעטער האָט ער אַליין, דער 'כוח-גייער',
געברענגט אַן אָנקלאַגע צום געריכט,
ווייל ס'איז געקומען אַ הויפּט-ריכטער אַ נייער
און אויך נייע אַסעסאָרן גאָר אומגעריכט.

די „נייע" זענען געווען „גוטע ברידער"
פון „תושב" און זענען דעריבער
געווען אויף זיין זייט אין פאָראויס —
דער עכטער יורש מוז גאָר אַרויס.

ווען דעם תושב'ס אַדוואָקאַט האָט אָנגעהויבן
צו רעדן אין נאָמען פון זיין קליענט,
האָבן די ריכטער גענומען אים לויבן,
און פּאַטשן בראַוואָ מיט די הענט.

אָבער ווען ס'האָט דעם יורש פאַרטיידיקט
זיין אַדוואָקאַט, איז געוואָרן אָפּגעליידיקט
הער זאַל: דער ריכטער, אַסעסאָרן
זענען פּלוצלינג נעלם געוואָרן.

דער אַדוואָקאַט, וואָס האָט זיין קליענט
פאַרטיידיקט כמעט פאַר הוילע ווענט,
האָט צאָרנדיק געשטעמפּלט דאָס געריכט,
וואָס האָט פאַרראַטן זיין באַרוף און פליכט.

„אַ געריכט וואָס וויל נישט הערן ביידע זייטן
און האָט פון פריער שוין אַן אורטייל אַ גרייטן —
איז אַ פאַרברעכער־געזינדל,
וואָס מאַסקירט מיט משפט — שווינדל.

„ס׳איז גאָר טרויעריק און ביטער,
ווען מען מוז היטן די היטער,
און דער פּאַלאַץ פון משפטים און געזעצן
איז אַ באַלאַגאַן פון אינטריגעס און העצן.“

דער טכויר און דאָס טרילערל

א טכויר איז אַמאָל געקומען אויף באַזוך
אין אַ פויגלשטייג און אין ׳גאַזקריג׳
דערשטיקט די אָרעמע פייגל מיט זיין גערוך.
נאָך דעם — געפּייערט זיין זיג
מיט אַ געברום, וואָס גרילצט אין אויער
און ווי אַ גרויסער זינגער זיך באַצייכנט
האָט דער אַראָמאַטישער טכויר —
ווי אַ ווירטואָז, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן.

האָט אַ טרילערל געכיכעט, פאַרזשמורעט אַן אייגל :
„און אַז דו פאַרצוקסט שוין פייגל —
האָסטו אויך געירשנט זייער נגינה ?
מאַך נאָר נישט אַזאַ וואַזשנע מינע
פעסט-הערשטיקער
און פאַרצוקער :
דאָס געהויל, וואָס קומט פון דיין גאָרגל,
איז ביי דיר באַך-פוגעס, מעשה-אָרגל ?
ביסט דאָך — סך-הכל — בלויז אַ ברוט,
אַ פייגל-קוילער און רוצח :
געזאַנג גראַמט זיך נישט מיט בלוט
און אוודאי נישט — מיט אַ שלעכטן ריח !״

די זשאַבע און די טשערעפּאַכע

— „העי, ריר זיך אַ ביסל גיכער,
דו פֿאַרשלאָפֿענער קריכער,
צוגעשמידט אין דיין פּאַנצער,
דעם מעטאַלענעם שפּאַנצער",
געטענהט צו אַ טשערעפּאַכע
האָט אירע אַ ווייטע משפּחה,
אַ קוואַקענדיקע זשאַבע,
ווי אַ פּלוידערנדיקע באַבע.

„דו באַוועגסט זיך ווי אין הינערפּלעט
און ווערסט דער ציל פֿון לייטנס געשפּעט.
עך! צייט צו האָבן, אַנשטאָט בושה, נחת
פֿון מיינע טייערע קרובים — טשערעפּאַכעס!"

„ליבע זשאַבע", האָט געזאָגט די טשערעפּאַכע,
„ווי קומען צו דיר אַזעלכע רייד פּלאַכע?
איך ווייס, דו קענסט שיין זינגען
און אוודאי — טאַנצן, שפּרינגען
און דו האָסט מיט וואָס זיך צו באַנעמען;
דו דאַרפֿסט אָבער מיט מיר זיך נישט שעמען.
איך קריך אויף דער יבשה
טאַקע, אָבער נישקשה,
גיב נאָר אויף מיר אַ בליק,
ווען כ'בין אין וואַסער צוריק:
דו וואָלסט מיך נישט דערקענט
אין מיין אמתן עלעמענט;
דאָרט בין איך שוין נישט קיין קריכער,
נאָר אַ שווימער גאָר אַ גיכער."

די וועווערקע און די טויב

אַ וועווערקע אין אַ פּאַרק, וואָס האָט געקריגן ניסלעך
פון פאַרבייגייערס, האָט, כדרכה, טועם געווען צוביסלעך
און די מערסטע — געהאַלטן גרייט,
פאַרגראָבן, אויף אַ שלעכטע צייט.

אַ טויב, וואָס האָט געגעסן דערנעבן,
האָט געשאָקלט מיטן קעפּל: „כ׳לעבן,
וואָס זענען דאָס פאַר אַ משוגענע שטיק?״
און, וואַרפנדיק אויף דער וועווערקע אַ שאַרפן בליק,
געזאָגט: „ס׳האָט דאָך נישט קיין זינען
אײַנגאַנצן זיך נישט צו פאַרגינען,
אָפּצורייסן זיך דעם ביסן פון מויל
און ניסלעך באַהאַלטן — ווען ס׳וועט שוין ווער פויל
זײַן — אויב נישט דו, איז — דײַנע זאַפּאַסן.
כ׳האָב מורא, אַז דו וועסט פון זיך רייסן פּאַסן,
ווען ס׳וועלן זיי פאַרוויייען
שטורעם־ווינטן און שנייען.
נאָך וואָס פון די היינטן זיך ׳באָרגן׳
פאַרן אומדערגרייכבאַרן ׳מאָרגן׳?
דער מאָרגן גליטשט זיך אויס פון דײַנע הענט
און דער היינט ליגט ווי אַ נעכטן־קויל אויסגעברענט.
וואָס איז דען דאָ אַ סך צו ברייען?
— עס, ווען דו האָסט וואָס און קאָנסט קייען!״

⁂

ווי זינלאָז — נאָכן פּאַטאַמאָרגן זיך צו יאָגן
און נאָכלויפנדיק דעם מיראַזש — ׳דערוויַיל׳ זיך צו פּלאָגן!

דער פּיפּערנאָטער און דער קרייצאָטער

אַ פּאָטער און זיין קינד זענען אין וועג גענאַנגען
און געשמועסט וועגן פאַרשידענע שלאַנגען.
פרעגט דאָס קינד אַ שאלה ביי זיין פאָטער:
„טאַטע, ווי זעט אויס אַ פּיפּערנאָטער?״

— „מיין קינד, ווערסט נישט דאַרפן קלערן לאַנג,
צו וויסן וואָס ס׳איז אַ גיפטשלאַנג:
ווערסט זען אַ גליטשיקן שרץ-קנויל,
אַ בריאה פון פחד און גרויל.
עפנט ער נאָר דאָס מויל — שפּריצט סם,
און זיין צונג — אַ גיהנום-פלאַם.
און נישט בלויז די מאָרדע די סמ׳יקע
און נישט בלויז פון די ציינער,
די טמאדיק-אומריינע,
טויט אין טראָפּנס טריפט —
ער איז אינגאַנצן גיפט;
יעדער שטריך פון דעם מוראדיקן קריכער
וואָרנט, אַז מען דאַרף אַנטלויפן וואָס גיכער.
ער דרייט זיך אין אַלע זייטן
און קען שנעל זיין פּאָזיציע בייטן.
אין פאַרשידענע קאָלירן
טוט ער זיך כסדר צירן
און בייט רעגולער זיין הויט —
דער שליח פון גרויליקן טויט.
ער באַנוצט פאַרשידענע טריקן,
צו פאַרגיפטן אָדער דערשטיקן:
אָט וואַלגערט ער זיך הכנעהדיק אין שטויב
און פאַלט ׳כורעים׳ צו די פיס —
און אָט גאָר אַטאַקירט ער זיין קרבן-רויב
מיט אַן אומגעריכטן ביס.
נישט קיין חילוק צי אַ פּיפּערנאָטער,
צי גאָר אַ באַא אָדער קרייצאָטער
צי אַ פאַרגיפטער, צי אַ דערשטיקער:
ער דערהרגעט — דאָס איז דער עיקר.

דער כלל איז: האַלטן זיך פונדערווייטנס
פון דעם טמא שרץ און באַצייטנס
אים אומשעדלעך מאַכן —
נישט סתם דורך געבן אים אַ קלאַפּ,
נאָר אָפּהאַקן אים דעם קאָפּ,
זיין מאָרדע צו צעקראַכן."

דער קוואַל

פריש האָט געריזלט אין טאָל
אַ קוואַל פון פליסיקן קריסטאָל;
האָבן חזירים געטרונקען פון דעם קוואַל
און אים פאַרשמוצט מיט אָפּפאַל.

האָט געחידושט זיך אַ קאַץ:
„פאַרמיאוסן אַזאַ פּלאַץ —
אַ דערפרישנדיקן קוואַל —
און פאַרוואַנדלען אים אין אַ שטאַל?"

האָט געזאָגט דער ספּיקער פון דער געגנט, דער הונט,
צו דער קאַץ: „דיין וואונדערן זיך איז אָן אַ גרונד:
„דער ריינסטער קוואַל ווערט פאַרשמוצט,
ווען אַ חזיר אים באַנוצט.

עס איז אַן אייביק-גילטיקער כלל:
נישט צולאָזן אַ חזיר צו אַ קוואַל,
ווייל וואו ער קומט — דאָרט איז דער שטאַל
און וואָס ער באַרירט — ווערט אָפּפאַל."

די האָטעל־„אינוואַזיע״

א פאַרעך איז אַמאָל אויף זיין האָטעל־געלעגער
באַזוכט געוואָרן פון אַ מחנה געסט —
אַן אינוואַזיע פון אַ וואַנצן־נעסט,
און כאָטש פאַרמאַטערט פון וועג ער
איז געוועזן, האָט ער נישט געקאָנט פאַרמאַכן די אויגן
צוליב קריכערס, וואָס האָבן זיין בלוט געזויגן.

און כדי ענדגילטיק פטור צו ווערן
פון די פּאַראַזיטן, וואָס זיין שלאָף שטערן,
האָט ער זיי צו־ביסלעך געטייט,
אָבער ס׳האָט נישט געהאָט קיין באַטייט.

ווייל ס׳האָט אָנגעהויבן מיאוס צו שמעקן —
שוין אָפּגערעדט פון די בעטגעוואַנט־פלעקן;
סיי דאָס בייסעניש, סיי דער ריח און מיגל
זענען געווען פאַר אים איין כישוף־עיגול.

ליגט דער פאַרעך אַ גאַנצע נאַכט
אין געהאַקטע וואונדן און טראַכט:
„צו קעמפן מיט רמשים האָט נישט קיין זינען,
ווייל סיי־ווי וועט מען ביי זיי נישט געווינען.
ניין, מען קאָן נישט אין גאַנצן
פטור ווערן פון וואַנצן:
צעקלאַפּטע, קעמפן זיי נאָך אַלץ מיט ריח׳ן;
די איינציקע רעטונג — פון זיי צו וויכן.״

דער טרומייט און די פלייט

א טרומייט האָט געשיינט פון נחת
נאָך דעם בלאָזן און צו להכעיס
פאַרטשעפּעט די שטילע פלייט,
וואָס איז געווען אין אַ זייט:
„איך זע נישט, בשום אופן, קיין סיבה,
פאַרוואָס דו זאָלסט זיין אין אונדזער מסיבה;
מ'שטיינס געזאָגט, אויך מיר אַן אינסטרומענט!
באמת, נישט כדאי צו נעמען אין די הענט!
די 'פּישטשעסט' דאָך ווי אַ טויט-קראַנקער פויגל,
וואָס האַלט שוין ביי פאַרמאַכן אַן אויגל —
און מיט אַזעלכע גסיסה-קלאַנגען
ווילסטו דאָס פּובליקום פאַנגען?"

די פלייט האָט אָבער שטיל, אַנטשלאָסן,
מיט אַ קאַלטן ענטפער אָפּגעגאָסן
דעם טרומייט דעם צעהיצטן
מיטן שטערן דעם פאַרשוויצטן:
„דער פרעמדער — דאָס ביסטו, נישט איך
דו קענסט נאָר בלאָזן (אויך פון זיך)
און מיט אַ חוצפּהדיקן ליאַרעם
און טומל מאַכן אַן אַלאַרעם;
אויפצופלאַקערן ווי שוועבל
די אינסטינקטן פון דעם פעבל
און אים צו פאַרנאַרן
מיט פּאַטאָס וואולגאַרן
צו בלוטיקע קריגן,
צווייפלהאַפטע זיגן.
ס'מאַכן חרוב פעלקער און לענדער
פון דיר באַרוישטע מערדער און שענדער;
האָסט דעריבער נישט מיט וואָס זיך צו באַנעמען
און איך האָב זיך נישט פאַרוואָס צו שעמען:
איך מאַך נישט אַן קיין גרויסן טומל,
אָבער כ'דערהויב די ערד צום הימל
מיט מיינע טענער די שטילע,
וואָס הויכן-אָן אַן אידיליע,
און גיבן דאָס העכסטע פאַרגעניגן —
וואָס ס'קען געבן נאָר אַן איידעלער ניגון."

די דילעמע פון דעם האָז

אַ פריינדלעכע טויב האָט געזאָגט צו אַ האָז;
וואָס האָט רואיק געהאָפּסלט אין גראָז:
„מאַך פיס און קלער גאָרנישט לאַנג —
עס לויערט אויף דיר אַ שלאַנג.
ניין — וואַרט! ס'איז נישט לייכט צו מאַכן פּליטה,
ווייל אַנדערע מחבלים וואַרטן, גרייטע —
דער אָדלער, דער קראָקאָדיל און דער בער;
באמת, דער אויסוואַל איז זייער שווער.
דו דאַרפסט ביי זיך באַשליסן, דעריבער,
וועלכן סוף דו האַלטסט פאַר בעסער, ליבער —
לויט דעם וועסטו וויסן וואוהין צו אַנטרינען,
כדי אַ לייכטערן אומקום צו געפינען:
רעכטס,ביים טייך, איז דער קראָקאָדיל,
וואָס ליגט, מעשה־פּגר, גאַנץ שטיל;
לינקס, דער בער, דער פאַרטיליקער דער ברוינער,
און פאָרנט דער אָדלער — דער הויכן־איינוואוינער.״

דער האָז האָט נישט לאַנג געטראַכט
און גאָר ביטער זיך צעלאַכט:
„וואָס איז מיר די נפקא־מינא —
מיט וועלכער מיתה־משונה
איך וועל מיין לעבן ענדיקן
און ווער ס'וועט מיך 'בענדיקן'?
צי די שלאַנג וועט מיך פאַרגיפטן
מיט איר סם דעם איינגעטריפטן,
צי גאָר דער קראָקאָדיל מיט זיינע ציינער,
די שטאַרקע, וועט צעברעכן מיינע ביינער,
אָדער דער בער וועט מיך צערייסן
און האָבן פון מיר אַן אָנבייסן;
צי דער אָדלער וועט וועלן מיך 'דערהויבן'
און אַראָפּוואַרפן אויף אַ פעלדז פון אויבן,
כדי מיך צו צעקראַכן
און קרעפּל־פלייש צו מאַכן —
וואָס איז מיר דער חילוק
ווי אַזוי כ'וועל פאַרטיליקט?
יעדע פאַרצוק־חיה, אויף איר אופן,
וויל פון מיר מאַכן אַ ביינער־הויפן,

יעדע, מיט איר קאָליר, פאַרעם און 'מאָדע',
אַן אונטערשיד פון איר רויב־מעטאָדע —
די שלאַנג, דער בער, דער אָדלער און דער קראָקאָדיל —
צו הרגענען מיך איז וואָס יעדע איינע וויל.
איך האַלט נישט פון קיינעם פון די אויסוועגן —
צי פון גיפטציין, צי פון ציין ווי די זעגן.
פאַרן האָז איז גאָרנישט דאָ וואוהין צו אַנטלויפן:
ס'איז אומעטום דאָס זעלבע — אויף אַן אַנדערן אופן."

די פלוי און דער לייב

אַ פלוי איז געקומען צו אַ לייב צו גאַסט
און ווי פאַר אַזאַ עזות־פּנים ס'פּאַסט,
האָט זי זיך, נאָכן בלוט־זויפן,
געריייצט אויף אַ געמיינעם אופן:
„שעם זיך, קיניג פון די חיות, טאַקע,
וואָס דו מוזסט זיך ווערן אַזוי —
און אָן דערפאָלג — קעגן אַן אַטאַקע
פון אַ באַשיידענער, פּשוטער פלוי.
מעגסטו שטאָלצירן מיט דיין גריווע־קרוין
און מיט דיין מאַיעסטעטישן געשטעל —
קעגן מיר ביסטו אַ הילפלאָזער פּאַרשוין,
פאַר מיר איז אַ יאַגדפלאַץ דיין פעל."

זאָגט דער לייב קורץ און שאַרף: „כ'וואָלט געמוזט זיך שעמען,
כ'זאָל גאָר מיט אַזאַ נבזהניק זיך פאַרנעמען:
ס'איז קעגן אַלע עלעמענטאַרע גוטע זיטן,
אַז לייבן זאָלן זיך פּאַרמעסטן מיט פּאַראַזיטן."

∴

די מיאוסקייט האָט אַ פּאַנצער — איר געמיינקייט
און איר שוצקאַסקע איז — גראָד איר קליינקייט.
און דער לייב, וואָס וואָלט גערופן אַן אינסעקט
אויף אַ דועל, וואָלט אויף אייביק זיך פאַרפלעקט.

די שטוב־גאַנדז און די ווילדע גאַנדז

אַ שטוב־גאַנדז האָט זיך פֿאַר אַ ווילדער פֿאַרטרויט:
„ס׳איז מיר נימאס מיין סביבה פון שטייג און קויט,
און איך בענק צו דעם, וואָס איך קען נישט דערגרייכן —
ווי דו — צו פליען אין מאַיעסטעטישע הייכן.

„צו האָבן פליגלען און מוזן גיין טראָט ביי טראָט —
קען דען זיין אַ גרעסערער ווייטאָג, שאַנד און שפּאָט?
איך האָב, פאַרשטייט זיך, צו ד י ר נישט קיין טענה,
אָבער פאָרט, איך בין דיך פאַר דיין פליען מקנא!״

די ווילדע גאַנדז האָט געקוקט מיט באַדויער:
„איך פאַרשטיי דיין פאַרצווייפלונג און דיין טרויער;
צו זיין געבונדן צו דער ערד איז אַ קנאַפּער נחת,
נאָך ערגער — ווען מען האָט פליגלען — אויף להכעיס.

„איך וויל נישט שיטן קיין זאַלץ אויף דיינע וואונדן; ניין,
איך בין נישט אויסן צו פאַרגרעסערן דיין פּיין;
אָבער ס׳איז אויך נישט קיין פראַגע,
אַז דו ביסט שולדיק אין דיין לאַגע.

„דו ביסט צופיל פאַרטאָן אין עסן,
און ממילא האָסטו פאַרגעסן,
אַז דורך פאַשען כסדר דיין בויך
האָסטו פאַרלוירן דיין פלי־כוח.

„וואָס מער דיין קערפּער פעטער ווערט,
אַלץ שטאַרקער ווערסטו צו דער ערד
צוגעצויגן, דיינע פליגלען אַטראָפירט
און דיין פלי־האָפענונג רואינירט.
דו דאַרפסט דעריבער נישט צו האָבן קיין טענה
צו ק י י נ ע ם; די שולד פאַר דיין צרה איז דיינע.״

„מיין זיידע דער לייב, מיין פעטער דער בער . . .״

— „איך האָב דעם גרויסן כבוד אייך צו מעלדן:
איך בין פון אַ משפּחה — אמתע העלדן,״
האָט געזאָגט דער ראַץ ביי אַ חיות־מיטינג אין פעלד.
„פאַרשטייט איר דאָך, אַז איך אַליין בין אויך אַ גרויסער העלד.״

„מיין זיידע דער לייב, מיין פעטער דער בער,
מיין קוזין דער וואָלף . . . נו, כ׳בעט אייך, ווער
האָט נישט געהערט פון די גרויסע בריהס,
די קיניגן פון די דזשונגלען און פּרעריעס?

„היינטיקע צייטן? עך! פּעבל בלויז,
סיי אין דזשונגל און סיי אַרום הויז:
איר אַלע זענט דאָך נישט ווערט
וואָס ס׳טראָגט אייך די ערד.״

„איז נאָך פאַראַן אַזאַ פּאַסקודנע זאַך ווי אַ ראַץ?״
האָט זיך אָנגערופן דערנעבן די קאַץ.
„לאָ־די וואָס ער רויבט און פרעסט
און באַצאָלט נאָך מיט דער פּעסט,
פּאַדערט נאָך דער שמוציקער עכבר
גאָר פון אַלעמען לויב און אַכפּער,
און ס׳דערנידריקט אונדזער „פּראָסטע״ מיליע
דער מיאוסטער פון דער שרצים־פאַמיליע,
דער פּרינץ פון די קאַנאַלן־פּאַלאַצן,
דער יורש פון דער דינאַסטיע פון ראַצן.״

דאָס ווייסברויט און דאָס שוואַרצברויט

א ווייסברויט אויפן טיש האָט געהאַט אַ טענה
צו זיין שכן — אַ שוואַרצברויט — דהיינו:
„זייט מוחל, אָבער איר, דאָרפיש־רויער ׳פּליגל׳,
רופט אין מיר אַרויס אַ געפיל פון מיגל!
אַוודאי, נישט אַלע געבעקסן פון סולת
קאָנען זיין; מען מוז, קענטיק, אויך אַ ביסל פּסולת
צומישן. אָבער מיין האַרץ ווערט צעבראָכן,
וואָס כ׳מוז אייך, לחמא עניא, ווי אַ שכן
האָבן. — מיט די קערנער־שאָלן,
פון קאָרן און ווייץ צעמאָלן,
דרינגט די גראָבקייט אַריין אין אייך.
נו, איז אַ וואונדער, וואָס איר זענט אָן טעם
און אָן פיינקייט, ווי אַ פּויערישער כאַם?
און איר ווילט נאָך זיין מיט מיר גלייך?
אַ טונקעלער און אַ העלער —
צוזאַמען אויף איין טעלער?
בנאמנות, איך בין נישט קיין סנאָב
(וואַקסן נישט צווישן דערנער — רויזן?)
אָבער ס׳שאַקירט מיך אַלץ וואָס איז גראָב —
איך קאָן מיט קיין שוואַרצברויט נישט הויזן.״

האָט געענטפערט דאָס שוואַרצברויט בזה הלשון:
„דיינע טענות, ווייסברויט, זענען אויסגעדראָשן.
דו ביסט טאַקע ראַפינירט גאָר פיין,
אָבער אויך פון עכט־נאַטירלעכן ׳ריין׳.
ביסט דעליקאַט, עס שטימט,
אָבער ווען עס קומט
צו תמצית און תוך,
איז אַ קלאָג און בראָך.
איך בין — און דאָס איז ריכטיק —
נישט אַזוי לויטער, ציכטיק,
אָבער די שאָלן פון די זוניקע גאָלדזאַנגען
זענען אין מיר מזל־ברכהדיק אויפגעגאַנגען
אין אַ געראַטעניש פון געזונט און קראַפט
און איך שטראַל אויס צוריק פרייד און לעבנסזאַפט.
און ווי דו זעסט, איידל ווייסברויט, צו אַלדי רוחות —
איך דאַרף נישט נתפעל ווערן פון דיין יחוס!״

דער אַנוואוקס און דער קערפּער

טענה׳ט אַן אַנוואוקס אַ בייזוויליקער, פון צעלן
געזונטע אַן אַקופּאַנט־צעשטערער:
— „איך בין — צי ס׳וועט אייך יאָ אָדער נישט געפעלן —
פון קערפּער־קעמערלעך אַ פאַרמערער.
איך בין וויכטיק, פּראָמינענט,
אַ זיגרייכער קאָנקורענט,
וואָס טרעט אַריבער דעם גרענעץ־פּאַרקן
מיטן לעגאַלן רעכט פון שטאַרקן —
און גערעכט איז דער, אין יעדן קריג,
צו וועמען ס׳געהערט דער זיג.״

דער קערפּער: „פּ ר אָ מ י נ ע נ ט ע ר, פאַרדאַרבן
איז דיין ציל און דיין פונקציע — צו אַרבן
אַלץ וואָס לעבט, איז געזונט, און אויפצושטעלן
דיין אומקום־טראָן אויף די חורבות פון די צעלן.
אומעטום וואו דו קומסט נאָר אַריין,
אין י ע ד ן אָ ר ג אַ נ י ז ם, גרויס צי קליין,
עפּנט מען אַ שפּאַרע — מאַכסטו אַ חורבן,
ווייל דו ביסט נישט נאָר אַליין פאַרדאָרבן,
נאָר אויך דיין פאַרמערונג
איז הוילע צעשטערונג.
דאָס סאַניטאַרע געבאָט: צו פאַרצוימען
דעם וועג פאַר דיר און דיינע טויטלעכע זוימען,
וואָס צעבליִען זיך אין אַ פאַרלענד־וואַלד,
אָדער אויסצוראָטן דיך באַלד,
ביי וועמען און ו ו א ו דו באַווייזסט זיך,
צו פאַרטיליקן דיך ווי מעגלעך גיך
דורך פייער, סם און מעסער,
און וואָס שנעלער — אַלץ בעסער:
מען קען נישט הויזן מיט קיין שלאַנגען־נעסט
און ׳קאָעקזיסטירן׳ מיט באַצילן פון פּעסט.״

דער שאַקאַל און דער הונט

אַ שאַקאַל האָט אַמאָל אַ הונט געטראָפן
אין אַ פעלד און איז אים דעם וועג פאַרלאָפן:
„ס'קאָצל קומט, קוזין! געהערט, ביסט אַ לאַקיי,
אַ נאָכשלעפּער ביי מענטשן, אָך און וויי!
באַשערט, נעבעך, בזיונות פון אַ קרוב
(אַפילו איך בין פאַר דיר נישט ערוב):
צו לעקן דעם באַלעבאָס פאַר אַ ביין —
פּע, דאָס איז זייער און זייער נישט שיין!

„מיר, פון דער שאַקאַלן־משפּחה,
האָבן אַ בעסערע מערכה:
נאָר צו זיין פריי — אַזאַ יאָר אויף אונדז ביידע!
הגם אָרעם — איז דאָס לעבן אַ גן־עדן.
מיר מוזן נישט קוקן אויפן באַלעבאָס,
אויב ער האָט אַ צי געגעבן מיט דער נאָז,
און צו זיין גרייט, לויט זיינס אַ בליק,
צו מאַכן פאַיאַצישע שטיק.
מיר זענען הפקרע, ווילדע און פרייע —
איז פאַראַן אַ גרעסער גליק פאַר אַ חיה?"

„מיין ליבער קרוב, שאַקאַל",
ענטפערט דער הונט דעם נאַכאַל,
זאָל זיין, אַז כ'בין ביי מענטשן אַ לאַקיי
(אין דער אמתן גאָר — אַ באַגלייטער,
ליבלינג, וועכטער און אַזוי ווייטער);
אָבער דו — ביסטו טאַקע אַזוי פריי?
ווי אָפט קאָנסטו באַווייזן דיין 'מופת' —
צו כאַפּן הינער, אַנדערע עופות?
עס איז באַקאַנט
אין גאַנצן קאַנט,
אַז דו ביסט אַ יאַגד־געהילף
פאַר לייבן, בערן און וועלף
און דו קריגסט פון זיי דערפאַר
ביינער, שיריים אַלס שכר.

צו אַרבעטן אין אַזאַ 'פאַך'
איז זייער אַ מיאוסע זאַך,
און ס'איז דעריבער פּאַסיק, אַז דו, שאַקאַל,
זאָלסט באַלוינט ווערן מיט אָפּפאַל —
מיט נבלה־רעשטן און ביינער —
פאַר דיין מלאכה דער אומריינער."

דער טאַראַקאַן און דער העלפאַנט

אַ טאַראַקאַן האָט אַ מאָל אַ העלפאַנט געטראָפן
און האָט אויסגערופן: „גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן,
אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ באַשעפעניש?
פון וואַנעט נעמט זיך אַזאַ פאַרזעעניש —
אינגאַנצן אַן אַ קאָפּ, בלויז שווערע פיס!"

ענטפערט דער העלפאַנט: „דו ביסט צו מיאוס
און נישטיק, דו וואָרעם, מיך צו דערצערענען,
אַז כ'זאָל דיך ווי געהעריק אָנלערנען.
דיין קליין קעפל קוקט נאָר אַראָפּ,
דעריבער זעסטו נישט מיין קאָפּ.
און ווייל דו ביסט נישט בכוח
צו זען ווייט און הויך,
באַמערקסטו נישט עפּעס גרעסערס ווי דיין פאַרנעם
און דו פאַרלייקנסט אַלץ, וואָס איז איבער דיין באַנעם."

•••

פיטשינקע ברואים זענען נישט ביכולת
צו זען עפּעס העכערס פון זיך אַליין
און זיי שרייען אויף אַלץ: „ס'איז פסולת!"
ווייל זיי זענען אַליין אַן טעם און אומריין.

די גענדז און דער בושל

א געגדז־אנסאמבל האָט אַ „גאַ־גער״ מוזיקאַל
אויף אַ פּעלד אויפגעפירט אין אַ מאַנאַטאַן־כאַראַל
און געהאַלטן אין איין ׳פלוישן׳
אין אַ פוסטן רוישן
און מוטלען
און בטלען —
אַ געפילדער
אַ ווילדער:
„גאַ־גער! די הון און די קאַטשקע זענען נישט קיין לייט
און אויך דער אינדיק וועט נישט דערגיין ווייט!״

דאָס גלייכן פאַר דער פלאַמינגאָ און דער טויב
האָבן די געגדז געהאַט גאַר ווייניק לויב:

„דאָס פוסטע געזינדל האָט דאָך ליב זיך צו צירן
ווי דאַרפישע מיידן אין שרייענדיקע קאָלירן;
ווי קומען גאָר די פּראַנטן
אין אונדזערע קאַנטן?
— גאַ־גער! מען זאָגט אַז . . . כ׳וואָלט געקאַנט שווערן!
— זינד און שאַנד און שפּאָט . . . אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן . . .
— מען שמועסט אַז . . . כ׳וויל נישט ברענגען פאַרן מויל!
— אַזעלכע גאַרנישטן . . . ס׳איז דאָך פשוט אַ גרויל!
— נו, אַזעלכע זולל־וסובאָ׳ס! —
אַ מגפה אויף די־אָ עופות!״

דער בושל, אין אַ זייט, וואָס האָט אוודאי
אויסגעהערט די רכילות פון דער סטאַדע,
האָט געזאָגט די פּלוידערזעק:
„נעמט איין שטומעניש, איר שלעק!
אייער ׳פאַסט׳ איז נישט ריכטיק
און יעדנפאַלס — אומוויכטיק.
ס׳איז גאָר מיאוס און געמיין,
ווען מען וויל יענעם באַשמירן
און דורך דעם זיך אַליין
גאַוודיק אויסצירן.
איר זענט גרויסע העלדן
׳פלאַטקעלעך׳ צו מעלדן

אונ כסדר צו באַרעדן
און באַשמוצן יעדן,
האָפנדיק צו זיין אויבן
און צו ווערן דערהויבן,
ווען דעם צווייטנס קאָפּ
זינקט צום שטויב אַראָפּ.
כבוד איז אָבער, לאָזו דווקא,
נישט קיין קינדער־'הושטאַווקע',
און וויפל איר זאָלט נישט לייגן אַנדערע אין דער ערד,
ווייסט מען, אַז איר, געגנדזענע קעפּלעך, זענט אָן ווערט.״

דאָס פויערל און דאָס שלאָס

א פויערל האָט אַמאָל געהאַט פאַרדראָס —
ס׳האָט זיך פלוצלינג פאַרהאַקט דאָס שלאָס,
וואָס איז געהאַנגען אויף זיין כאַטע־טיר:
דריי אַהין, דריי אַהער — ס׳גיט זיך ניט קיין ריר.

האָט זיך די רוגזה ביים פויערל צעבּרענט
און ער גיט אַ פּעסטן שפּיי אין די הענט
און אַ דריק דעם שליסל — טראַך!
צעבּרעכט ער זיך מיט אַ קראַך.

האָט אַן אַלטער פויער, אַ שכן,
אים געמוסרט מיט אַ „היתכן":
„שלימזל דו! קאָנסטו דען מיט כוח
עפּעס אויפטון דאָרט, וואו ס׳פאָדערט זיך מוח?
אַז דאָס שלאָס איז פאַרזשאַווערט, דאַרף מען מיט אויל
עס שמירן, וועט עס ווערן פיין און וואויל.
שמיר — און דאָס סקריפּענדיקע ווערט מילד, ווייך
און אַלע קרומקייטן ווערן גלייך."

דאָס פייער און די שכנים

אין אַ דאָרף איז אַמאָל אַ פייער אויסגעבראָכן
ביי אַ פּאַרמער. האָט ער גערופן יעדן שכן
צו העלפן צוזאַמען
פאַרלעשן די פלאַמען.

„העי, ראַטעוועט, עס ברענט!
זעט, ס׳לעקן פלאַמען מיט גיריקע צונגען
די געביידעס און זיי ווילן איינשלינגען
די דעכער און די ווענט.

„נו, רירט זיך אַ ביסל, שכנים,
און לאָמיר אַלע אינאיינעם
ראַטעווען דאָס הויז און דעם שייער
פון דעם פאַרצוקנדיקן פייער.״

זענען אָבער די שכנים געווען פאַרדאָרבן
און האָבן זיך רואיק צוגעקוקט צום חורבן:
„׳מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שאַרן׳!
אויב ביי עמעצן ברענט — דאַרף דאָס אונדז אַרן?״

האָבן די שכנים באַצאָלט פאַר דעם גאַר טייער:
דער העצער — דער ווינט — האָט צעבלאָזן דאָס פייער,
וואָס האָט, ווי אַ טיגער, זיך געגעבן אַ וואָרף
אויף די נאָנטע הייזער, שפּעטער אויפן גאַנצן דאָרף.

ערשט אין ליכט פון דעם אומהיימלעכן ספּעקטאַקל,
ווען דאָס דאָרף איז געוואָרן איין גרויסער פאַקל,
האָבן זייער טעות איינגעזען די שכנים
און באַדויערט זייער צוגאַנג דעם געמיינעם:
„אויב ס׳ברענט אַ צווייטנס דאַך —
איז דאָס אויך אונדזער זאַך!״

די פלעדערמויז און די שוואַלב

— „אַ מיאוסע וועלט: מען יאָגט מיך פון יעדן הויז",
האָט זיך געזשאַלעוועט אַמאָל אַ פלעדערמויז.
„מען אַנטלויפט פון מיר ווי פון דער פעסט,
מען מיידט מיך אויס ווי אַ שלאַנגען-נעסט,
און נאָך גרעסער דער פאַרדראָס און שאַנדע,
וואָס כ'ווער געהאַסט פון דער פויגל-באַנדע.
כ'באַגעגן בלויז פאַראַכטונג און שנאה,
מסתמא אַ רעזולטאַט פון דער קנאה
צוליב מיין פלי און מיין פיגור —
די גראַציעזסטע אין דער נאַטור.
שווער צו געפינען יושר, אוודאי,
ביי דער אייגענער געפליגל-סטאַדע,
און הגם כ'ווייס נישט אין וואָס כ'בין שולדיק,
מוז איך נאָך אויסהערן גאָר געדולדיק
דעם אורטייל: אייביקע איזאָלאַציע
(אפשר איז אַ גרויס פאַרברעכן — גראַציע?").

„ס'גייט זיך אָן פשוט אַ חלשות
אויסצוהערן אַזעלכע דרשות",
האָט געענטפערט די שוואַלב דערנעבן.
„יאָ, פונדערוויטנס זעסטו אויס אַ פויגל צו זיין;
פון דער נאָענט, אָבער, אַ בריאה, אומריין,
זעט מען, אַ באַשעפעניש פון מיסט;
פנים-אל-פנים זעט מען ערשט ווער דו ביסט:
אַ מיאוסע מויז — אַ שווידער און אַ מיגל,
און אַ נאַטור-טעות — דיינע פליגל."

דער „אַלץ־טאָפּ" און דער וואַסער־קרוג

נאָך מיטאָג. אויף דער קיך אַ טאָפּ, אַ באַלעבאַטיש־יוסטער,
איז געשטאַנען חשיבותדיק. און הגם אַ פּוסטער
און אויסגעשייערטער נאָכן קאָכן,
זיך געשוימט און מיט בייזקייט געשטאָכן
דעם וואַסער־קרוג אויפֿן טיש דערנעבן:

„ס'איז אַ משוגענע וועלט, כ'לעבן!
ווי לאָזט מען אַזאַ כלי פֿון בלעך
אין אַ בכבודיקער שטוב? עך!
טאַקע: דער בלויזער קרוג אַליין
וואָלט אויך געוועזן גענוג, כ'מיין!
בפֿרט ווען אויך זיין אינהאַלט איז נישטיק —
נישט קיין מיטאָג און אויך נישט קיין פֿרישטיק.
אַט האָסטו גאָר אויף אַ נאָזוינע וואַסער!
וואָס קען שוין זיין ווערטלאָזער און בלאַסער?
לא־עלינו, גאָט מיך נישט שטראָף:
אַ טעם־און פֿאַרבלאָזער שטאָף!
אין מיר, דאַקעגן, קאָכן זיך מאכלים,
וואָס אַ וואַסער־קרוג קען זען בלויז אין חלום:
רינדפֿלייש, אויסטערס, ראַקעס און פֿיש;
חזיר־וואורשטלעך מיט פֿעפֿער, שמאַלץ —
מיט איין וואָרט: איך וועל צושטעלן אַלץ
פֿאַרן שענסטן קיניגלעכן טיש."

ענטפֿערט דער וואַסער־קרוג:
„האָסט געפּלוידערט גענוג,
'אַלץ־טאָפּ'! אפשר בין איך נישט אַזוי וויכטיק,
אָבער וואָס איך גיב, איז ריין, קלאָר־דורכזיכטיק.
דו, אָבער, יוסטער טאָפּ,
ביסט ווי אַ פּוסטער קאָפּ
פֿול מיט פֿאַלשע פּרעטענזיעס
פֿון ריזיקע דימענזיעס.
חזיר און כרעמזלעך גייען נישט צוזאַמען,
און דו ביסט טריפֿה מיט דיינע מעדנים.

פון יעדן טמא געקעכטס איז אין דיר אריין
דער אראָמאַט. דעריבער ביסט אויך דו אומריין.
און מעגסטו קאָכן מאכלים ווי רייך —
ס'פילט זיך פון דיר אַ שלעכטער ריח:
ס'איז אויך דיין צימעס
מאוס און נמאס."

די קאַטשקעס און די הינער

צוויי הינער האָבן שפּאַצירט ביי אַ ברעג
פון אַן אָזערע; האָט איינע געטון אַ פרעג
ביי דער אַנדערער:
— „באַמערקט די וואַנדערער —
די קאַטשקעס — זיך באַוועגן
זאַכט אויף די וואַסער-וועגן?
נישט זיי רודערן, נישט זיי שווימען,
דאָך וועלן זיי צו זייער ציל קומען.
דאָס איז פשוט אַ נס פון הימל:
זיי זיצן שטיל ווי אין אַ דרימל,
גיבן קוים אַ פינטל מיט די וויעס,
די רואיקע, איידעלע בריות.
דאָס וואונדער איז טאַקע גרויס
און קען געטון ווערן דורך כישוף בלויז."

אַ שמייכל געטון האָט די צווייטע הון:
„קענסט נישט זען קיין סך
פון דער אויבערפלאַך,
און בלויז קינדער און נאַראָנים
באַגנוגן זיך מיטן 'לפנים'.
אויפן וואַסער זעט מען די קאַטשקעס שטיל;
פון אונטן רודערן זיי געשווינד צום ציל.
פון אויבן זענען זיי אידיליש-זיסלעך;
פון אונטן מאַנעווורירן זיי מיט די פיסלעך,
און מעג דער אונטערשטראָם זיין ווי שמוציק —
פאַר זיי איז שיין אַלץ, וואָס איז נוציק."

דער פּאַראַזיטן־צוזאַמענפּלי

פּאַראַזיטן פון אַלע סאָרטן
געקומען פון דאָ און דאָרטן
זענען (טייל פּאַמעלעך, אַנדערע גיך)
צו אַ צוזאַמענפלי, צוזאַמענקריך —
צו אַ פּראָפעסיאָנעלן קאָנטעסט,
צו אַ היסטאָרישן פאַרמעסט;
און, ווי ס'איז ביי לייטן דער שטייגער,
אַ טשעמפּיאָן פון די בלוטזייגער
צו דערוויילן. די קריטעריע? — דער עפעקט:
ווער ס'איז צום מערסטן פּערפעקט
אין דעם פאַך, וועט זיגן
און אַ לאָרבער־קרוין קריגן.
(סתם בלוט זייגן איז דאָך לאו־דווקא —
אָט איז גאָר אַ היילמיטל די פּיאַווקע.)

האָבן זיך אָנגעהויבן דעבאַטן
וועגן פאַרשידענע קאַנדידאַטן.
יעדער האָט אויסגערעכנט זיינע מעלות,
אָבער דאָס האָט נישט אַרויסגערופן קיין התפּעלות
פון די אַנדערע: כמעט יעדער פּאַראַזיט
האָט געהאַט עפּעס צו זיין „קרעדיט".

דער פאַרמעסט האָט נישט געגעבן קיין רעזולטאַט —
ביז ס'האָט זיך געמאָלדן ווי אַ קאַנדידאַט
די וואַמפּיר־פלעדערמויז, און אַלע
האָבן אָנערקענט איר גרויסע מעלה,
אַז זי איז דער גרעסטער אויסטויגער
אין דער אימפּעריע פון די בלוטזויגער,
ווייל נישט בלויז צאַפּט זי דאָס בלוט פון בעלי־חיים,
נאָר זי לאָזט אויך זיי איבער איר משוגעת־שירַיים.

די בין און דער זיידוואָרעם

אַ בין האָט געקלאָגט און געוויינט
פאַר אַ זיידנוואָרעם, אירס אַ פריינט:
„איך שאַף דורך מי ביטערער דאָס זיסע —
קומען די צוויי־פיסיקע די מיאוסע
צום גרייטן, צו רויבן אויף זייער אופן,
און פילן אָן אין סלויען און פאַרקויפן
מיין האָניק. און אויב ס'איז וויניק נאָך דער רויב,
גיבן זיי נאָך אָן ז י י ע ר פירמע! דער לויב
פאַר דעם פיינעם שטאָף קומט גאָר זיי! אפילו אויך
מעדאַלן, ערנשריפטן פאַר נעמען מיט כוח!

„וואָס זאָגסטו נישט, האַרציקע, צו די סדום־לייט,
וואָס ווילן לוין פאַר רציחה, ווי אין ספר שטייט?
יאָ, יעדער רשע־מרושע
איז להוט נאָך מיין 'ירושה'!
אוי, די פיינע מענטשן —
מען דאַרף זיי פאַרבענטשן!"

דער זיידוואָרעם האָט געענטפערט דער בין:
„איך שנייד אָפּ נאָך ערגער: אין אַ מאַשין
אויסגעצויגן ווערן פעדעם מיינע —
צו מאַכן זייד, סאַמעט, סאַטין פיינע.
מיין וועיטיק ווערט ווי אַ לוקסוס געניצט,
מיט מיין פיין ווערן מענטשן אויסגעפּוצט.
נאָך מער: מיט מיין טויט ווערט אָנגעהויבן
זייער אינדוסטרי פון רויב, זעלבסטלויבן.
וואָס קאָן מען טאָן? דו גיסט האָניק, איך זייד —
וואָס מיר שאַפן דורך שווערער מי און לייד —
נישט כדי ז י י דאָס לעבן צו פאַרזיסן,
אָדער גאָר צו שטילן דעם מיאוסן
דראַנג — אין פרעמדן גלאַנץ, פראַכט זיך צו צירן,
אין 'ירושה'־זייד צו פאַראַדירן:
ווייל מיר מוזן — שאַפן מיר האָניק, זייד;
ווייל זיי גיבן אונדז אויך — די העכסטע פרייד,
הגם דער רשע־מרושע
קריגט דעם לוין פאַר דער 'ירושה'.
מען ווייסט גוט ווער עס שאַפט פראַכט און זיסקייט,
הגם עס 'ירשנט' זיי די מיאוסקייט."

דער איזל, דער שאַקאַל און דער וואָלף

אַן אייזל, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט פון שטאָל,
איז באַפאַלן געוואָרן פון אַ שאַקאַל
אויף אַ וויסטן פעלד: „קלאַנגען
זענען צו מיר דערגאַנגען,
אַז דו מאַכסט אויף מיר בילבול׳ים
און באַוואַרפסט מיך מיט זילזולים.
כ׳וועל דיר די ביינער צעברעכן
פאַר אַזאַ שווער פאַרברעכן!״

— „איך האָב דיך קיינמאָל נישט באַליידיקט,״
ענטפערט דער אייזל און פאַרטיידיקט
זיך קעגן די ציין פון דעם שאַקאַל,
דעם פּראָוואָקאַטאָרישן נאַבאַל.

זעט דער שאַקאַל, אַז ס׳גייט שווער,
זאָגט ער צום אייזל: „דו, הער!
ס׳זעט אויס, מיר וועלן נישט באַווייזן
מיט כוח דעם סיכסוך צו לייזן;
חוץ דעם, איז קעמפן זייער מיאוס.
לאָמיר דעריבער אַ קאָמפּראָמיס
מאַכן. מיר וועלן צום וואָלף גיין,
און ער וועט אונדזער בורר זיין.
דער נאָמען פון דעם שופט איז אומבאַפלעקט
און אַלע האָבן פאַר אים גרויס רעספּעקט.״

טראַכט דער אייזל: „וואָס האָב איך מורא? —
בפרט, אַז ס׳וועט זיין אַ דין־תורה,
וואו מען הערט אויס ביידע צדדים געדולדיק,
אָבער ס׳געווינט דער, וואָס איז אומשולדיק.״

זענען ביידע צום וואָלף געקומען,
וואָס האָט זיי פריינדלעך אויפגענומען,
און נאָכן הערן די טענות: „ס׳איז קלאָר,
אַז אַלצדינג וואָס דער שאַקאַל זאָגט, איז וואָר:
אַלע ווייסן, אַז ער טשעפּעט נישט קיין פליג
און ער וועט נישט סתם גיין פאַרפירן אַ קריג.

— „טויט דעם אייזל, וואָס האָט שווער באַליידיקט
דעם שאַקאַל. דערמיט איז די זאַך דערליידיקט!"

∴

צו האָבן צו טון מיט אַ שאַקאַל איז ביטער;
נאָך ערגער — צו נעמען דעם וואָלף ווי אַן ארביטער.

דער מאַך און דער בוים

מאַך, וואָס איז געוואַקסן הינטער אַ בוים אַן אַלטן,
האָט אים דערציילט וועגן די גרויסע וואונדער
פון יעדן לישייען־שטאָם באַזונדער:
„מיר וואַקסן אומעטום, אַפילו אין פעלדז־שפּאַלטן,
אין זומפּן, טונדרעס, אין קעלערס אָן ליכט —
אין אַ סך פלעצער שפּראָצן מיר אומגעריכט.
וועלכע פלאַנצן קענען זיך מיט אונדז פאַרגלייכן?
וועלכע ביימער קענען וואו מיר — דערגרייכן?
קיינער איז נישט ווי מיר אַזוי וויטאַל
און פאַרמאָגט נישט אַזאַ ענערגיע־קוואַל,
כדי אַלטע פּאָזיציעס צו פאַרהיטן
און אויך צו פאַרכאַפּן נייע געביטן
און צו פאַרוואַנדלען זיי אין שפּראָצנדיקן לעבן —
די אייביק־גרינע שוואָמען ווייטער צו וועבן."

דער בוים איז אין אַ געלעכטער אויסגעבראָכן:
„נסים ונפלאות פון לישייען און מאָכן!
איר פאַרשפּרייט זיך טאַקע זייער אַ סך,
אָבער נישט אין דער טיף און הויך — בלויז פלאַך.
איר פאַרנעמט דאָרט, וואו ס'איז טונקל און וויסט,
וואו אַ ריכטיקע פלאַנץ וואָלט זיך געמיאוסט.
יאָ, עס איז אַ גרויסע בראָך,
אַז דער לישיי און דער מאָך
וואָס אויף דעם פלאָרע־טיטול פּרעטענדירן,
זאָלן מיט אונדזער נאָמען זיך צירן:
איידער אַזעלכע פּוסטע פלאַנצן,
איז שוין קראַנטער — גאָרנישט אינגאַנצן!"

די שטעכלקע און די רויז

האָט זיך געריצט די שטעכלקע מיט דער רויז:
„היינט ביסטו דאָ און מאָרגן ביסטו אויס.
וואָס ניצט דיין פיינע קאָליר און אראָמאַט,
אַז די ביסט אַזוי צעברעכלעך־דעליקאַט?
מעגן פּאָעטן דיך באַזינגען
און פאַרליבטע פלאַפּלען וועגן דיר;
וואָס קומט אַרויס? — דו ביסט 'שפּינבע דעגינגע'
און ס'ווערט אַ תל פון דיר ביים מינדסטן באַריר!

„איך בין אפשר נישט אַזאַ יפת־תואר
דערפאַר, אָבער, בין איך געבענטשט מיט דויער:
אונטער ווינט און רעגן, צי ס'איז היים אָדער קאַלט —
האַלט איך אָן מיין גאַנצקייט, מיין פאָרעם און געשטאַלט.
ס'איז אַ חוצפּה פון דיר, צעקראָכענע בלום,
אויף דיין מעכטיקן שכן צו קוקן אַזוי קרום."

די רויז, אַ ביסל אַ פאַררויטלטע, ווי איר שטייגער
(צו שעמען זיך פאַר גראָבקייט און געמיינקייט
פון אַנדערע — איז די טבע פון דער פיינקייט),
האָט דאָך נישט אויסגעהאַלטן: „לעבעדיקער פגר,
ס'איז דיין נאַטור און רגילות
צו פאַרוואונדן מיט רכילות
און בויען דיין קאַריערע, רענאָמע,
אויף אַ צווייטנס געשענדעטן נאָמען,
און דו גלייבסט, מסתמא,
אַז מיט זעלבסט־רעקלאַמע
וועסטו דיין פּוסטקייט מאַסקירן
און דיין נישטיקייט באַצירן?
מעגסט טומלען היינט און מאָרגן —
וועסט נישט קענען פאַרבאָרגן
אַז דו ביסט
הויל און וויסט.

דיין לאַנג דויערן
איז צו באַדויערן,
אָבער אַ שיינקייט-רגע פון אַ קווייט
אַנטהאַלט אין זיך אַ גאַנצע אייביקייט."

•:•

ס'העלפט נישט דעם מיאוסן שטעכער
זיין אייגנלויב דער פרעכער,
און ס'דאַרף נישט קיין רעקלאַמע די רויז:
אירע מעלות גייען איר פאָראויס.

די סאַזשלקע און דער קעניאָן

אַ סאַזשלקע בשכנות פון אַ טיפן ערד־רים,
האָט געקוואַקעט, געבורטשעט אומצופרידן: „געווים
איז עפּעס דאָ נישט אין אָרדענונג. מען קומט
צו לויפן ווי אויף אַ וואונדער, מען בלייבט פאַרשטומט
אין עקסטאַז פאַר עפּעס דאָרט אַן ערדשפּאַלט,
פאַר סקאַלעס פון גראַניט און באַזאַלט,
פאַר אַן אויסגעטרוקענטן שליימבעקן,
וואָס ציט זיך דורך ווי׳סטע העקן;
מען ווערט נתפּעל
פון אַ טויטן טאָל!
ס׳איז טאַקע דאָ געווען אַ מעכטיקער שטראָם,
עליו־השלום; איצט איז נאָר דאָ אַ תהום.
וואָלטן מענטשן געהאַט שכל,
וואָלטן זיי צו מיר, דעם טייכל
עולה־רגל געווען: איך בין פול מיט לעבן;
וואָס קען זיי אַ קעניאָן־קבר געבן?״

וידבר, האָט דער ערד־רים געענטפערט מיט אַ ברום:
פון זיינע טיפענישן: „אפשר וועסטו בלייבן שטום,
סאַזשלקע מיטן לעבן פאַר דריי גראָשן? —
זשאַבע־שירה און קאַטשקע־לשון
און ניגון
פון גרילן.
פויל איז דיין ריח,

שימלדיקער ׳טייך׳.
איך, אָבער, בין אַ לעבעדיקער זכר
פון אַ פאַרגאַנגענהייט אַ גלאָררייכער,
פון אַ טייך אַ מעכטיקן,
וואָס פלעגט איינקריצן
זיינע אימפּולס־בליצן
אין פעלדזן מיט כתב פרעכטיקן
פון שיינקייט־הירעגליפן,
וואָס בלענדן און פאַרבליפן.
דורך זיין קוואַליקן אימפּעט
איז קאַרבירט דאָס טייך־בעט.
און אפילו ס׳איז נישטאָ דאָס מים־חיים פון אַמאָל,
איז אַ רעליקוויע פון דעם דער תהומישער טאָל.
יאָ, אויך נאָך דעם טייכס אָפּפלוס און טויט
בין איך זיין אויפגייענדיקער מאָרגנרויט!״

די פּויק און די פידל

אַ פּויק האָט זיך געקלאַפּט אין בויך
און מיט שטאָלץ פּראָקלאַמירט גאָר הויך:
„מוזיק בין איך, נישט די פידל,
מיט איר וויינענדיקן לידל.

„אויך אַנדערע אינסטרומענטן
זענען קנאַפּע קאָנקורענטן
צום טיטול פון מוזיק־טשעמפּיאָן
פון מאַיעסטעטישן טאָן.

„קלאָר: כ׳בין דער לייב פון דער מוזיק,
אַלע ציטערן פאַר מיין בליק
און פאַר מיין קעניגלעכן ברום
ווערן אַלע אַנדערע שטום.״

„גרויסמייסטער פון קאַקאָפאָניע,
פון רוי־פּוסטער מאָנאָטאָניע״,
זאָגט די פידל. — „ניין, ס׳איז בילכער
יעדער איינער פון אַ הילכער,
ווי דו; ווי קען אָבער דיין קאָפּ
דאָס באַנעמען — אַנגעבלאָזן, גראָב?״

אינהאַלט

דער האָן און דאָס הינטל 7
די נאָדל, דער פאָדעם און די סחורה 8
די קאַץ און איר „שלום עליכם“ 9
דאָס ווילדגראָז און דער גערטנער 10
די מאַלפּע און דער שפּיגל 11
דער אייזל און דאָס קעמל 12
דער פּאַראַקיט און דאָס שוועלבל 13
דער שוים און די כוואַליע 14
דער גאַסנלאָמפּ און די זון 15
בערנסאָן און הערנסאָן 16
דער חזיר און דער קוגל 18
דער הונט און דער פוקס 19
דער דאָרנבוים און דער עפּלבוים 21
דער שטריק־טענצער 22
די וועספּע און די בין 23
דער אַנטיקן־פאַבריקאַנט 24
דער וואַנדערער און דער קוואַל 25
דער לייב אין דער שטייג 26
די מוראַשקעס און דער זשוק 27
דער שלום־וואָלף און דאָס פֿיך 28
דער הונט און דער באַלעבאָס 29
די צוויי באַרג־קלעטערערס 30
די היענע און דער וואָלף 31
דער חיות־פּאַרלאַמענט 32
דער רויטער און גרינער עפּל 34
שלאַנגען אין כעלעם 35
דער אינדיק, די קאַטשקע און דער שוואַן 36
די פליג און דאָס פלאַטערל 37
דער חזיר אין גאָרטן 38
די וואַסער־„אַרענדאַרן“ 39
דער הונט מיטן מוילשלאָס 41
דער אוירל אָ׳מאַן 42
דער לאָמער פוקס און דאָס פלינקע פערד 43
די קראָ און דער שפערל 44
דער פּאָפּוגיי, דער סאָלאָווי און די טויב 45
די שיך און די קאַלאָשן 46

די מעוועס און די פּאַווע 47
דער שור שנגח 48
דער אַלטער פּאַרמער 49
די אַלבאַטראָסן 50
דער וואַנטזייגער און דאָס האַנטזייגערל 51
דאָס געריכט 52
דער טכויר און דאָס טרילערל 54
די זשאַבע און די טשערעפּאַכע 55
די וועווערקע און די טויב 56
דער פּיפּערנאָטער און דער קרייצאָטער 57
דער קוואַל 59
די האָטעל־„אינוואַזיע“ 60
דער טרומייט און די פּלייט 61
די דילעמע פון דעם האָז 62
די פלוי און דער לייב 64
די שטובגאַנדז און די ווילדע גאַנדז 65
„מיין זיידע דער לייב, מיין פעטער דער בער...“ . . . 66
דאָס ווייסברויט און דאָס שוואַרצברויט 67
דער אָנוואוקס און דער קערפּער 68
דער שאַקאַל און דער הונט 69
דער טאַראַקאַן און דער העלפאַנט 71
די גענדז און דער בושל 72
דאָס פויערל און דאָס שלאָס 74
דאָס פייער און די שכנים 75
די פלעדערמויז און די שוואַלב 76
דער „אַליך־טאָפּ“ און דער וואַסערקרוג 77
די קאַטשקעס און די הינער 79
דער פּאַראַזיטן־צוזאַמענפלי 80
די בין און דער זיידוואָרעם 81
דער אייזל, דער שאַקאַל און דער וואָלף 82
דער מאָך און דער בוים 84
די שטעכלקע און די רויז 85
די סאַזשלקע און דער קעניאָן 87
די פויק און די פידל 89

ביכער פון יצחק גאָלדקאָרן

נאָקטורנס — וואַרשע, 1938

ליטעראַרישע סילועטן — מינכען, 1949

לידער — מינכען, 1950

עפּיגראַמאַטיש — מאָנטרעאָל, 1954

פון וועלט־קוואַל — תל־אביב, 1963

לאָדזשער פּאָרטרעטן — תל־אביב, 1963

זינגערס און זאָגערס — תל־אביב, 1971

היימישע און פרעמדע — בוענאָס־איירעס, 1973